STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11191

DI ARBETER BAVEGUNG IN ENGLAND

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַרקסיסטישע שטודיר קורסן

די ארבעטער באַוועגונג אין ענגלאנד פארן וועלט קריג

פינפטע לעקציע

פ א ר ל א ג
אינטערנאציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
80 פינפטע עוועניו
ניו יאָרק, 1933

Copyrighted 1933 by the
INTERNATIONAL WORKERS ORDER, Inc.
80 FIFTH AVENUE
NEW YORK

John Reed, Br. 134 I. W. O.
2006 – 70th Street
Brooklyn, N. Y.

דאָס פינפטע קאַפּיטל

אינהאַלט

1. די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַרענדערונגען אין דער עפּאָכע פון פאַר־קריג אימפּעריאַליזם.

2. די ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון ענגלאַנד זינט דער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט:

דער אונטערגאַנג פונם ענגלישן אינדוסטריע־מאָנאָפּאָל. דער קאָלאָניען־מאָנאָפּאָל פון ענגלאַנד. דער פּאָליטישער רעזשים פון ענגלאַנד פאַרן וועלט־קריג.

3. דער ענגלישער טרייד־יוניאָניזם:

די ענגלישע ארבעטער־באַוועגונג נאָכן טשאַרטיזם — די פּאַרטיזאַנישע מעטאָדן פון טרייד־יוניאָניזם — דער „נייער" טרייד־יוניאָניזם.

4. דער סאָציאַליזם אין ענגלאַנד און די לייבאָר־פּאַרטיי:

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. די פאַביאַנער — די אומאָפּהענגיקע ארבעטער־פּאַרטיי — די לייבאָר פּאַרטיי און איר פּאָליטיק.

5. די אויבערשטע און אונטערשטע שיכטן פונם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט:

די רעזולטאַטן פון אונטערהאַנדלונגען. די ארבעטער אריסטאָקראַטיע און די נידעריקערע שיכטן פונם ארבעטער־קלאַס — דער וואוקס פון דער ענגלישער ארבעטער־באַוועגונג פאַרן וועלט־קריג.

צוגאָב:

לעניִן וועגן שטרייטיקייטן מיטן אָפּאָרטוניזם אין די רייען פון דער אומאָפּהענגיקער ארבעטער־פּאַרטיי.

מעטאָדישע אינסטרוקציע ווי צו שטודירן דאָס פינפטע קאַפּיטל

קודם־כל מוז מען גוט באקאנט ווערן מיט די עקאָנאָמישע און סאָציאלע איבערקערענישן וואָס זיינען די סמנים פונם אויפקום פונם אימפּעריאליזם.

אין דער ענגלישער געווערקשאפטן־באוועגונג דארף מען נאָכפאָלגען די „קלאסישע“ אויסבילדונג פונם רעפאָרמיזם און זיך קלאָר מאכן די עקאָנאָמישע באדינגונגען וואָס ברענגען אים.

אין דער אנטוויקלונג פון די פּאָליטישע ארבעטער אָרגאניזאציעס פון ענגלאנד, דארף מען זיך צוקוקן פון איין זייט צו די שלעכטע רעזולטאטן פון סעקטאנטיזם, אָפּזונדערן זיך פון דער מאסע און פון דער צווייטער זייט די סכנה פון א ניט־מארקסיסטישער, אָפּאָרטוניסטישער מאסן־פּארטיי, אזוינע ווי די „לייבאָר־פּארטיי“ איז.

ביים אָפּשאצן די סאָציאל־פּאָליטישע געזעצגעבונג אין ענגלאנד דארף מען פארשטיין, אז די געזעצן זיינען אָנגענומען געוואָרן ערשטנס, אונטערן דרוק פונם ארבעטער־קלאס און צווייטנס, כדי צו געווינען דעם ארבעטער־קלאס פאר דער אימפּעריאליסטישער פּאָליטיק און אימפּעריאליסטישן קריג פון דער ענגלישער בורזשואזיע.

מען זאָל זיך נאָך אמאָל נעמען צו דער באשרייבונג וועגן דער ענגלישער ארבעטער־באוועגונג אין דער צייט פונם טשארטיזם (דער 2טער העפט פון אונזער קורס). דעמאָלט וועט מען קלאָר באגרייפן, ווי אזוי די פארענדערונגען אויף דעם ווירטשאפטלעכן געביט פאָרמירן זיך אין די פארשיידענע פאזן פון דער ארבעטער־באוועגונג אין ענגלאנד.

די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַרענדערונגען אין דער עפּאָכע פון פאַר-קריג אימפּעריאַליזם

צום סוף פון 19טן און אָנהויב פון 20סטן יאָרהונדערט, איז דער קאַפּיטאַליזם אַריין אין זיין העכסטער און לעצטער שטופע, וועלכן מיר רופן אימפּעריאַליזם. וואָס זיינען די וויכטיקסטע סמנים פון דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע?

1. אין דעם פּעריאָד, ווערט דער קאַפּיטאַליזם א מאָנאָפּאָל-קאַפּיטאַליזם. צוליב דער אויסערגעוויינלעך פאַרשנעלטער קאָנצענטראַציע פון פּראָדוקציע אַנטשטייען גרויסע מאָנאָפּאָל-פאַראייניקונגען, קאַרטעלן, סינדיקאַטן, טראָסטן, וועלכע נעמען אַריין די גאַנצע עקאָנאָמישע מאַכט אין זייערע הענט.

2. די באַנקען מאַכן אויך דורך אַזאַ אינטענסיוון פּראָצעס פון קאָנצענטראַציע. דער באַנק-קאַפּיטאַל ווערט צוזאַמענגעשמאָלצן מיט דעם קאַפּיטאַל פון דער אינדוסטריע. ס'אַנטשטייט דער אַזוי-גערופענער פינאַנץ-קאַפּיטאַל.

3. דער אימפּעריאַליסטישער קאַמף פאַר קאָלאָניעס, ספערן פון איינפלוס, ווירטשאַפט-טעריטאָריעס, קוואַלן פון רוי-שטאָפן א. אַז. וו. ווערט זייער דרינגנדיק. אָבער די טעריטאָריעלע פאַרטיילונג פון דער וועלט צווישן די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן איז שוין געענדיקט. יעדע נייע פאַרטיילונג קען נאָר דערגרייכט ווערן דורך פיזישער מאַכט. דערפאַר זעען מיר דעם פיבערהאַפטן געיעג צו באַוואָפענען זיך, סיי אויף דער יבשה, סיי אויפן ים.

4. דער אימפּעריאַליזם אַנטוויקלט די הערשאַפט פון א הייפעלע פינאַנסירן און די אונטערדריקונג פון זייער א גרויסער מערהייט פון דער באַפעלקערונג פון דער וועלט, דורך א גרופּע אימפּעריאַליסטישע „קולטור-שטאַטן". אויף אַזאַ אופן אַנטשטייט דער טיפּ פון אַדמיניסטראַטיווע און פאַראַזיטיש-קאָרופּטע רענטיער-שטאַטן וואָס לעבן פון עקספּלואַטירן זייערע קאָלאָניעס. צום סוף פירט דער אימפּעריאַליזם — אויף וויפיל ער באַשריינקט אין א געוויסער מאָס די אָנטרייב-קראַפט פון קאָנקורענץ — צו

דער פּאַרלאַנגזאַמונג פון פּראָגרעס און דורך דעם צום פאַנאַנדערפאַל פון קאַפּיטאַליזם.

דער אימפּעריאַליזם איז די לעצטע סטאַדיע פון קאַפּיטאַליזם, דער אָפּ־שטאַרבנדיקער קאַפּיטאַליזם. פון איין זייט ווייזן אונז די ריזן־אונטערנע־מונגען דאַרויף, אַז דער אימפּעריאַליזם „פירט אונז צו דער באַלדיקער אַלץ אַרומנעמענדיקער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די מיטלען פון פּראָדוקציע" (לענין). פון דער צווייטער זייט הערשט, כאָטש די פּראָדוקציע נעמט אָן אַן אַלץ שטאַרקערן געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, אַזוי ווי פריער, די אַנאַר־כיע פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. די אָנגעזאַמלטע פאַרמעגנס בלייבן אין פּריוואַטע הענט. די סאָציאַלע קעגנזאַצן ווערן אַלץ שאַרפער. ניט קוקנדיק אויף אַלע אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן ווערט די קאָנקורענץ צווישן די קאַפּיטאַליסטישע מדינות שטאַרקער, די קאָנקורענץ וואָס פירט אין סוף צו מלחמות. אין דער זעלבער צייט ווערט דער קאַמף פון די מאָ־נאָפּאָליזירטע צווייגן פון אינדוסטריע קעגן די ניט מאָנאָפּאָליזירטע, אויפן אינווייניקסטן מאַרק, ווי אויך דער קאַמף צווישן די מאָנאָפּאָל־גרופּן, ניט פאַרקלענערט, נאָר אַלץ שטאַרקער.

א גרינטלעכערע כאַראַקטעריסטיק פונם אימפּעריאַליזם וועט דער לייִ־נער געפינען אינם העפט איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. דאָ מוזן מיר זיך באַנוגענען מיט דערדאָזיקער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פונם אימפּער־יאַליזם.

דאָס הערשן פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל אויפן געביט פון דער עקאָנאָמיק געפינט זיין פּאַראַלעל אין דער דיקטאַטור פון דער פינאַנץ־אָליגאַרכיע אויפן געביט פון דער מדינה פאַרוואַלטונג און אין דער רעגירונגס־מאַכט.

— „דאָס איז דאָס ערגסטע אין דער היינטיקער רעגירונגס־מאַכט — זאָגט פּאַוולאָוויטש, איינער פון די וויכטיקסטע סאָוועטישע פאַרשער אויפן געביט פון אימפּעריאַליזם — און א בולטער סימן פון אַזאַ אָליגאַר־כישער סיסטעם איז, וואָס די מאַסן אונטער אַזאַ רעזשים, קענען אפילו ניט די נעמען פון זייערע אמתע הערשער און ניט געקרוינטע קיסרים און מלכים. מיליאָנען מענטשן האָבן געגלויבט, אַז אין זייער לאַנד האָט רעגירט א ווילהעלם און זיינע מיניסטאָרן, אָדער אַן עדוארד און לאַיד דזשאָרדזש, א פּואַנקאַרע, אָדער קלעמאַנסאָ. אין דער אמתן אָבער ליגט די גאַנצע מאַכט אין די הענט פון אַן אומבאַקאַנטן, אַן אַנאָנימען, וועלכער איז דער הויפּט פון קרעדיט ליאָנע, אָדער פון דער דייטשער באַנק."

די וויכטיקייט פון דעם שטאַט ווערט אַלץ גרעסער. ער שטעלט זיך די אויפגאַבע צו פאַרלייכטערן דעם קאַמף פון מאָנאָפּאָל־פאַראייניקונגען

אויף די אויסלענדישע מערק, און צוליב דעם פאַרשטאַרקט ער דעם מילי־טאַריזם מיט אַלע כוחות. פון דער צווייטער זייט, פאַרשטאַרקט די רעגי־רונג איר דרוק אויפן אַרבעטער־קלאַס, א חוץ דער סיסטעמאַטישער קאָרופּ־ציע וואָס ער פירט אָן צווישן די רעפאָרמיסטישע טיילן פון דער אַרבעטער באַוועגונג. ער טוט עס אויך דורכדעם וואָס ער שטרעבט צו פאַרגרעסערן די עקספּלואַטאַציע פון פּראָלעטאַריאַט און אונטעדריקט מיט געוואַלד אַלע פּראָטעסט־אַקציעס פונם פּראָלעטאַריאַט.

אונטער דידאָזיקע באַדינגונגען ווערט יעדע מער אָדער ווייניקער באַ־דייטנדע אַקציע פון פּראָלעטאַריאַט — אַן אַקציע קעגן דער רעגירונגס־מאַכט, ד. ה. אַ פּאָליטישע אַקציע.

מיט דעם אויסערגעוויינלעכן אויסוואַקסן פון דער רעגירונגס־מאַכט זעען מיר דעם אונטערגאַנג פון דעם פּאַרלאַמענטאַריזם און די פעלשונג פון זיין ראָלע, דאָס איינשריינקען אָדער אָפּשאַפן פון „דעמאָקראַטישע פריי־הייטן".

אין דעם אימפּעריאַליזם ווערט די בורזשואַזיע אַלץ אָפענער אַ רע־אַקציאָנערער קלאַס. לויט דער צוגעפּאַסטער באַמערקונג פון דעם דייטשן בירגערלעכן עקאָנאָם וו. זאָמבאַרט, פאַראייניקט דער מאָדערנער בורזשוי דריי אייגנשאַפטן אין זיין פּערזאָן — ער איז אין דער זעלבער צייט אַ רויִ־בער, אַ שווינדלער און אַ פעאָדאַלער האַר.

ס'קומען פאָר געוויסע פאַרענדערונגען אין דער גרופּירונג פון פאַר־שיידענע שיכטן פון דער קליין־בורזשואַזיע אין דער שטאָט און אין דאָרף. די קליינע אינדוסטריעס ווערן אַלץ מער אָפּהענגיק פון די גרויסע אינדוסט־ריעס און די מאָנאָפּאָל־פאַראייניקונגען. אין דער צייט וואָס די אויבער־שטע שיכטן פון דער קליין־בורזשואַזיע, וועמענס דערפאָלג איז אָפּהענגיק פונם דערפאָלג פון די גרויסע אינדוסטריעס זיינען די הייסטע פּאַרטיידיקער פון אימפּעריאַליזם, איז פאַראַנען אַ מעגלעכקייט פון אַן אָפּאָזיציאָנעלער שטעלונג קעגן דעם אימפּעריאַליזם ביי די נידעריקערע שיכטן פון קליין־בירגערטום, וואָס ווערן רואינירט פון דער גרויס־אינדוסטריע.

אין דער צייט פון קריזיס, וועלכער ברענגט מיט זיך אַ פאַראָרימונג פון די מאַסן, פון דער שטאָטישער קליין־בורזשואַזיע, ווען דער פּראָלעטאַריאַט ווערט אַ קראַפט, מיט וועלכן מען מוז זיך רעכענען, קענען די קליינבירגער און קודם־כל די נידעריקערע און מיטעלערע שיכטן פון זיי, זיך דערנענטערן צום פּראָלעטאַריאַט (ווי ס'האָט געטראָפן אין דייטשלאַנד אין 1923).

אַ פאָרמע פון אָפּאָזיציע פון דער קליין־בורזשואַזיע קעגן דעם פינאַנץ קאַפּיטאַל איז אָבער אויך דער אַנטיסעמיטיזם — „דער סאָציאַליזם פון די נאַראָנים". אין אונזערע טעג באַמיט זיך דער פאַשיזם אָפּצוטויטן די אומצופרידנקייט פונם קליינבירגערטום. אָבער די מאַסן שטאָטישע קליינ־

בירגער וועלן זיך אַלץ מער איבערצייגן אַז אַלע אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע לאַ־זונגען פון די נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן זיינען אַ פּוסטע דעמאַגאָגיע, וואָרים דער אמתער ציל פונם פאַשיזם איז דאָס אויפשטעלן פון אַן אוממיטלבאַרער טעראָריסטישער דיקטאַטור פון גרויס־קאַפּיטאַל. נאָר דער קלאַסן־באַוואוס־טער פּראָלעטאַריאַט קען אין דער שפּיץ פון אַלע אונטערדריקטע קלאַסן גע־פינען אַן אויסוועג פונם היינטיקן קריזיס.

די עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם באַשאַפט אַ גרופּירונג פון די קלאַסן־קרעפטן אויך אין דאָרף. פון איין זייט וואַקסט דער גרויס־פּויערים־קלאַס, וואָס עקספּלואַטירט דעם לוין־אַרבעטער. פון דער אַנדערער זייט, וואַקסט דער קלאַס פון די לוין־אַרבעטער; צו זיי קומען צו דער האַלב־פּראָלעטאַריער אָדער דער קליין־פּויער, וועלכער מאַכט אַ לעבן, אָדער פון לוין־אַרבעט, אָדער פון אַרבעט אויף אַ געדונגענעם שטיקל ערד. צווישן די מיטלערע פּויערים ווידער, ד. ה. אַזעלכע, וועמענס באַלעבאַטישקייט — אין קעגנזאַץ צו די קליין־פּויערים — ברייננגט אַריין פּראָדוקטן, וואָס מען קען פאַרקויפן אויפן מאַרק, הערשט, לויט לענינס באַהויפּטונג, די „שטימונג און וועלט־אַנשויאונג פון אַ באַלעבאָס". דיזאָזיקע מיטעלע פּויערים אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואַקלען זיך צווישן די צוויי הויפּט־קרעפטן פון דער געזעלשאַפט, צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע.

אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם, וואַקסט דער אַזוי־גערופענער נייער מיטל־קלאַס, די שיכט פון דער טעכנישער אינטעליגענץ (אינזשינערן, טעכ־ניקער, בוכהאַלטער, אָנגעשטעלטע א. א. וו.) זייער גיך.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צום ביישפּיל, האָט די צאָל פון ספּעציאַ־ליסטן, אינזשינערן, פאַרטרעטער פונם אַדמיניסטראַטיוו־טעכנישן פּערסאָ־נאַל און פון פרייע פּראָפעסיעס, באַטראָפן אין יאָר 1910 בערך צוויי־און־אַ־האַלב מיליאָן מענטשן; אין יאָר 1920 האָט שוין די צאָל באַטראָפן דריי־און־אַ־האַלב מיליאָנען מענטשן, ד. ה. 8 און אַ האַלב פּראָצענט פון אַלע לוין־אַרבעטער. אין דייטשלאַנד האָט די צאָל אָנגעשטעלטע פון דער טעכ־נישער אינטעליגענץ, שוין אין דער צייט פון 1882 ביז 1907, זיך פאַרפיר־פאַכט, בשעת די צאָל פון די אַרבעטער אין דער זעלבער צייט, האָט זיך פאַרגרעסערט נאָר אויף הונדערט פּראָצענט. לויט דער פאָלקס־ציילונג אין בערלין פון 1925, האָבן די טעכנישע אָנגעשטעלטע און באַאמטע מיט זיי־ערע פאַמיליעס אויסגעמאַכט כמעט 28 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַ־פעלקערונג.

ווי אַזוי דערקלערט זיך דער וואוקס פון דער טעכנישער אינטעלי־גענץ? דער ווירטשאַפטלעכער פּראָצעס פאַרלירט דעם פּערזענלעכן כאַראַק־טער. דעם פּלאַץ פון קאַפּיטאַליסט אַלס אָנפירער פון פּראָדוקציע פאַר־נעמט די טעכנישע אינטעליגענץ. די בורזשואַזיע פאַרוואַלטעט שוין נישט

מער נאָר זי הערשט. די פונקציעס פון פאַרוואַלטונג, פון פירערשאַפט, פון קאָנטראָל, פון אויפפּאַסן, ווערן אָנגעפירט פון דער טעכנישער אינטעליגענץ.

די אויבערשטע שיכטן פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן אַזוינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן קאַפּיטאַליסט, ווערן פאַרשמאָלצן מיטן אָנפירנ־דיקן אַפּאַראַט פון די מאָנאָפּאָל־פאַרבאַנדן און פונם אימפּעריאַליסטישן שטאַט און ווערן דערנערט פונם „מער־ווערט". די ברייטע מאַסע פון דער טעכנישער אינטעליגענץ, וואָס גרעסער זי ווערט, ווערט אַלץ מער פּראָלעטאַריזירט. כאָטש לויט זייער לעבנס־שטייגער שטעלן זיי מיט זיך פאָר בלויז „ווייסע־קאָלנער פּראָלעטאַריער", בלייבן דאָך איבער ברייטע שיכטן פון דער טעכנישער אינטעליגענץ אונטערן איינפלוס פון דער קאַ־פּיטאַליסטישער אידעאָלאָגיע. זיי נעמען זיך אַ משל פון „די מענטשן וואָס זיינען צו עפּעס געקומען" און האָפן אַליין אויך צו מאַכן אַ קאַריערע. אָבער דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס לערנט די אָנגעשטעלטע און די באַ־אַמטע־מאַסע, צו דערנענטערן זיך צום רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, צו פאַרטרויען זיך זייער פירערשאַפט און מיט אים צוזאַמען קעמפן צו איבער־בויען די געזעלשאַפט.

דער אַרבעטער־קלאַס ווערט דורך דעם אימפּעריאַליזם געשפּאָלטן. די בורזשואַזיע וועקט דעם אינטערעס פון געוויסע שיכטן פון אַרבעטער־קלאַס אויף מאָנאָפּאָל פּראָפיטן, דורכדעם וואָס זי וואַרפט זיי צו אַ ביסן פון די אומגעהייערע עקסטרע־פּראָפיטן פון קאַפּיטאַל, וועלכע זי נעמט אַריין, צוליב איר מאַכט־פּאָזיציע אויפן וועלט־מאַרק (אַנטוויקלטע טעכניק פון אייניקע מדינות א. אז. וו.) און וואָס זי פּרעסט אַרויס פון קאָלאָניעס און האַלב־קאָ־לאָניעס. די דאָזיקע אויבערשטע שיכטן פונם אַרבעטער־קלאַס, די אַרבע־טער־אַריסטאָקראַטיע פירט צו קאָרופּציע פונם אַרבעטער־קלאַס; צו ווערן פאַרפירט פון דער אימפּעריאַליסטישער אידעאָלאָגיע. אַזוי אַרום באַשאַפט דער אימפּעריאַליזם דעם אָפּאָרטוניזם אין אַרבעטער־קלאַס גופא.

אין פּראָגראַם פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל ווערט די קאָרופּציע פון דער אַרבעטער־ביוראָקראַטיע דורכן אימפּעריאַליזם מיט די ווערטער באַשריבן:

„דאָס־דאָזיקע אָפּקויפן, האָט געהערשט און הערשט אויפן גרויסן מאַסשטאַב אין די שטאַרקסטע אימפּעריאַליסטישע לענדער; דאָס ווייזט זיך אַרויס צום בולטסטן אין דער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון דער אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע און פון די ביוראָקראַטישע שיכטן פון אַר־בעטער־קלאַס ד. ה. די אָנפירנדיקע עלעמענטן פון דער סאָציאַל דעמאָקראַ־טיע און פון די געווערקשאַפטן וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין די דירעקטע טרעגער פון בירגערלעכן איינפלוס צווישן פּראָלעטאַריאַט און

די בעסטע שטיצע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

„אָבער אפילו ווען דער אימפּעריאַליזם פאַראורזאַכט דעם וואוקס פון א קאָרופּטירטער אויבערשיכט פונם ארבעטער־קלאַס, צעשטערט ער אָבער סוף־כּל־סוף דעם איינפלוס פון דאָזיקן אויבערשטן שיכט אפן אר־בעטער־קלאַס. ווייל די פאַרשאַרפונג פון די קעגנזאַצן אינם אימפּעריאַ־ליזם, די פאַרערגערטע לאַגע פון דער ברייטער ארבעטער־מאַסע און די מאַסן־ארבעטלאָזיקייט פונם פּראָלעטאַריאַט, די ריזיקע קאָסטן פון די מלחמות, דאָס פאַרלירן פון דעם מאָנאָפּאָל פון געוויסע מאַכטן אויפן וועלט־מאַרק, צום סוף, דער פאַרלוסט פון די קאָלאָניעס, גראָבן אונטער דעם פונדאַמענט פון סאָציאַל־אימפּעריאַליזם צווישן די מאַסן.“

ס'וואָלט אָבער געווען פאַלש צוצורעכענען די גאַנצע מאַסע פון קוואַ־ליפיצירטע ארבעטער צו דער ארבעטער־אריסטאָקראַטיע.

די מאָדערנע ווירטשאַפטלעכע און טעכנישע אַנטוויקלונג (בעלט סיס־טעם, פאָרדינירונג א. אז. וו.) פירט צו וויכטיקע ענדערונגען אין דער סטרוק־טור פונם פּראָלעטאַריאַט. די ביידע שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט — די אר־בעטער אריסטאָקראַטיע און ניט קוואַליפיצירטע ארבעטער, ווערן איינגע־שרונקען. די צענטראַלע פיגור פונם ארבעטער־קלאַס איז היינט היינט־צו־טאָג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין דעם מאַשין פּראָצעס פון פּראָדוק־ציע, דער האַלב־געשולטער מעכאַנישער ארבעטער. וואָס ס'שייך דער אר־בעטער אריסטאָקראַטיע באַשטייט זי נאָר פון אַ דינעם שיכט ספּעציעל קוואַ־ליפיצירטע ארבעטער, אויפזעער, ווערקצייג־מאַכער, מייסטערס א. אז. וו.

אין ענגלאַנד איז געקומען דער וואוקס פון אָפּאָרטוניזם אין דער אר־בעטער־באַוועגונג אין צוזאַמענהאַנג מיטן אימפּעריאַליזם לויט לענינען „אַמ־פּריסטן און אַמקלאָרסטן“. מיר גייען איצט אריבער צו דער באַשרייבונג פון דער כאַראַקטעריסטיק פון דער פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער אנט־וויקלונג פון ענגלאַנד אין דער עפּאָכע פונם פאַר־קריג אימפּעריאַליזם.

2. די ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון ענגלאַנד זינט דער צווייטער העלפט פונם 19טן יאָרהונדערט

דער אונטערגאַנג פונם ענגלישן אינדוסטריע מאָנאָפּאָל

דער זיגרייכער אויפשטייג פונם קאַפּיטאַליזם אין ענגלאַנד ווערט אין דער צייט פון 19טן יאָרהונדערט פאַרביטן אף אַ פּראָצעס פון לאַנגזאַמער ליקווידאַציע פון ענגלאַנדס ווירטשאַפטלעכער הערשאַפט אויפן וועלט־מאַרק. ס'איז אמת, אז ענגלאַנד בלייבט דאָס וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לאַנד

אין אייראָפּע. די טעקסטיל־אינדוסטריע פון ענגלאַנד בלייבט די הערשנדע אויף דעם וועלט־מאַרק. דער אַרויספיר פון ענגלישע מאַשינען שטייגט גוואַלטיק. די ענגלישע האַנדל־פלאָטע איז נאָך אַלץ די שטאַרקסטע. אָבער גלייכצייטיק זעט זיך גאַנץ בולט אַ פאַרלוסט אין טעמפּאָ פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון ענגלאַנד. ענגלאַנד ווערט אַלץ מערער צוריקגעשטויסן פון די יונגע קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן, פון דייטשלאַנד און פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

לאָמיר אָנגעבן אַ פּאָר ביישפּילן:

אין יאָר 1850, האָט ענגלאַנד געליפערט 53.2 פּראָצענט פון דער רוי־אייזן פּראָדוקציע פון דער וועלט, אין 1910 שוין אָבער נאָר 15.5 פּראָצענט. בשעת אין ענגלאַנד איז די פּראָדוקציע פון רוי־אייזן פון 1850 ביז 1913 געשטיגן פון 2.25 מיליאָן טאָן אויף 10.4 מיליאָן טאָן, איז זי אין דער זעלבער צייט אויסגעוואַקסן אין דייטשלאַנד פון 0.4 מיליאָן טאָן אויף 19.4 מיליאָן טאָן, און אין אַמעריקע פון 0.56 מיליאָן טאָן אויף 31.5 מיליאָן טאָן. אין דער צייט פון 1870 ביז 1897 האָט די ענגלישע פלאָטע צו פאַרצייכענען אַ צוּוואוקס פון 185 פּראָצענט, די דייטשע אָבער אַ צוּוואוקס פון 250 פּראָצענט. אין דער אייזן־אינדוסטריע איז ענגלאַנד דורך אירע קאָנקורענטן פאַרשטופּט געוואָרן אויפן פערטן פּלאַץ (נאָך די פאַראייניקטע שטאַטן, דייטשלאַנד און פראַנקרייך). אין מאַשין־בוי, אין דער עלעקטרישער אינדוסטריע, און אין דער כעמישער אינדוסטריע — אויף דעם דריטן פּלאַץ (נאָך די פאַראייניקטן שטאַטן און דייטשלאַנד).

דער, אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן, אָנגעקומענער איבערבייט אין ענגלאַנדס פּאָזיציע, באַשטעטיקט צום בעסטן דעם געזעץ פון דער ניט גלייכמעסיקער אַנטוויקלונג אינם קאַפּיטאַליזם. דער פאַקט, וואָס ענגלאַנד האָט פאַרלוירן מער הערשאַפט אויפן וועלט־מאַרק, אַ הערשאַפט וועלכע די „הערשערין איבער די ימים" האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן אומגעשטערט, דערקלערט זיך קודם־כל דורכן אומגעהויערן שנעלן וואוקס פון דער אינדוסטריעלער און פינאַנציעלער אַנטוויקלונג פון דייטשלאַנד און די פאַראייניקטן שטאַטן.

דאָס זינקען פונם ענגלישן אינדוסטריע־מאָנאָפּאָל איז אָבער אויך אַרויסגערופן געוואָרן דורך זיין אינערלעכער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אין דער ערשטער ליניע דאַרף מען פאַרשטיין דעם איינפלוס וואָס דער עקספּאָרט פון קאַפּיטאַל האָט געהאַט אויף דער פאַרלאַנגזאַמונג פון טעמפּאָ פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון ענגלאַנד. ווייטער דאַרף מען פאַרשטיין די אָרגאַניזאַטאָרישע און טעכנישע צוריקגעשטאַנענקייט פון אַ ריי ענגלישע צווייגן פון אינדוסטריע.

אויפן הינטערגרונט פון דער פריערדיקער מאָנאָפּאָל־שטעלונג האָט זיך דער טעכנישער פאַנאַנדערפאַל פון דער ענגלישער אינדוסטריע זייער בולט ארויס־געוויזן. בשעת די קאָנקורענטן פון ענגלאַנד האָבן אַנטוויקלט זייער אינ־דוסטריע אויף דער באַזע פון דער מאָדערנסטער טעכניק האָט זיך אין אַ גאַנצער ריי פון ענגלישע צווייגן פון אינדוסטריע ארויסגעוויזן אַ צעשפּלי־טערונג, אַ טעכנישע צוריקגעשטאַנענקייט אין דער פּראָדוקציע און אין די אָפּזאַץ־מעטאָדן. בשעת אין אַמעריקע, למשל, אין 1915 האָט די פּראָ־דוקציע פון אַ הויך־אויוון באַטראָפן 135,000 טאָן האָט דערזעלבער הויך־אויוון אין ענגלאַנד פּראָדוצירט נאָר 33,000—65,000 טאָן. פון דער טעכ־נישער צוריקגעשטאַנענקייט פון דער ענגלישער אינדוסטריע גיט אונז אויך אַ בילד די צאָל פון פּאַטענט־מעלדונגען; אין 1880 זיינען אין ענגלאַנד בערך 30,000 פּעטענטס געמאָלדן געוואָרן; אין די פאַרייניקטע שטאַטן 14,00; אין יאָר 1900 זיינען אין ענגלאַנד געווען 13,170 פּאַטענטן, אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אָבער געווען 26,500 פּאַטענטן. בשעת די מע־טאַלורגיע האָט אין אַ ריי לענדער אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פאַרן וועלט־קריג איבערגעלעבט אַ רעוואָלוציע אין איר טעכניק, איז די ענגלישע מעטאַלורגיע געבליבן שטיין ביי איר אַלטער טעכניק. דורכן טעכנישן פּאָרשריט אין די אַנדערע לענדער, אין דער קאָנקורענץ פון נייע רוי־שטאָפן און אַנדערע מינים ענערגיע, איז דאָס וואַקסן פון אַלטע צווייגן פון אינ־דוסטריע (צ. ב. דער קוילן־אינדוסטריע) אין ענגלאַנד לאַנגזאַמער געוואָרן. דערצו האָבן נאָך די אַלטע קאַפּיטאַל־אינוועסטירונגען באַשאַפן אַ שטרויכ־לונג פאַר גיכער און אַלגעמיינער איינפירונג פון פולקאָמענערע אַרבעט־מעטאָדן. כדי צו דערגרייכן אירע קאָנקורענטן האָט ענגלאַנד פּשוט געמוזט אָפּשטעלן אַ סך פון אירע אַלטע זאַוואָדן.

דער קאָלאָניאַל מאָנאָפּאָל פון ענגלאַנד

ווען דער אינדוסטריעלער מאָנאָפּאָל פון ענגלאַנד האָט זיך צוליב די אויבנדערמאָנטע סבות צעבראָקלט, איז דער בריטישער קאָלאָניען־מאָנאָפּאָל נישט נאָר געבליבן דערזעלבער נאָר נאָך שטאַרקער. אין דער צייט פון 1860־1880 האָט ענגלאַנד דערוואָרבן 5.2 מיליאָן קוואדראַט קילאָמעטער לאַנד מיט 122.3 מיליאָן איינוואוינער. אין 1914 האָט דער קאָלאָניאַלער באַזיץ פון ענגלאַנד באַטראָפן 33.5 מיליאָן קוואדראַט קילאָמעטער מיט 393.5 מיליאָן איינוואוינער, בשעת ענגלאַנד גופא האָט פאַרנומען נאָר 0.3 מיליאָן קוואד־ראַט קילאָמעטער און האָט דעמאָלט געהאַט 46.5 מיליאָן איינוואוינער. די ענגלישע קאָלאָניעס זיינען אַלזאָ, לויט דער טעריטאָריע 115 מאָל און לויט דער צאָל איינוואוינער 8 מאָל גרעסער ווי דאָס מוטער־לאַנד. אויף יעדן ענגלענדער זיינען אויסגעפאַלן 7—8 קאָלאָניאַלע שקלאַפן.

די ווירטשאַפטלעכע באַדייטונג פון די קאָלאָניעס פאַר ענגלאַנד קען מען אָפּשאַצן דערפון וואָס אין יאָר 1913 איז 40 פּראָצענט פון ענגלישן עקספּאָרט געגאַנגען אין די קאָלאָניעס. די קאָלאָניעס (קאַנאַדע, אויסטראַליע, ניי־זעלאַנד, דרום אַפריקע, אינדיע) האָבן ווידער עקספּאָרטירט 58.9 פּראָצענט פון זייערע סחורות קיין ענגלאַנד. אָבער די בריטישע קאָלאָניעס זיינען ניט נאָר אָפּזאַץ־מאַרקן און ליפעראַנטן פון ביליקע רוי־שטאָפן פאַרן מוטערלאַנד. די ענגלישע קאָלאָניעס זיינען אויך די וויכטיקסטע געביטן פאַרן עקספּאָרט פון ענגלישן קאַפּיטאַל (ביז 50 פּראָצענט פונם גאַנצן ענגלישן קאַפּיטאַל־עקספּאָרט איז געגאַנגען אין די קאָלאָניעס).

אָבער ביי דער באַפעסטיקונג פון איר קאָלאָניאַלן מאָנאָפּאָל, שטויסט זיך ענגלאַנד אָן אויף אַ רייע שוועריקייטן. צוערשט איז אין די קאָלאָניעס גופא אנשטאַנען אַן אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג (הויפּטזעכלעך אין דער „לייכטער" אינדוסטריע). לאַנקאַשייר — וואָס איז אַ סך יאָרהונדערטער געווען דער צענטער פון דער ענגלישער טעקסטיל־אינדוסטריע — פילט אַלץ מער די קאָנקורענץ פון בוימוואָל־שפּינערייען און וועבערייען פון אינדיע. ענגלאַנד אַליין האָט ניט ווילנדיק אַנטוויקלט די קאָנקורענץ אין די קאָלאָניעס. דער עקספּאָרט פון טעקסטיל־מאַשינען באַטרעפט, צום ביישפּיל, אַ פערטל פון דעם גאַנצן מאַשינען־עקספּאָרט. גיט מען נאָך צו אַז צוליב דעם פרייען האַנדל קענען די אויסלענדישע קאָנקורענטן אַרויסשטויסן ענגלאַנד אין אירע אייגענע קאָלאָניעס, ווערט קלאָר פאַרוואָס צווישן די ענגלישע אימפּעריאַליסטן איז אַלץ מער פּאָפּולער געוואָרן דער געדאַנק, אַז מען מוז דעם פרייען האַנדל פאַרביטן דורך אַ שוץ־טאַריף סיסטעם.

פון גרויסער באַדייטונג פאַר דער באַפעסטיקונג פון בריטישן קאָלאָניאַלן מאָנאָפּאָל איז דאָס, וואָס ענגלאַנד איז אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם געוואָרן דער וועלט־באַנקיר. די קאָנצענטראַציע פון באַנקען האָט אין ענגלאַנד זיך ריזיק פאַרגרעסערט. אין יאָר 1890 זיינען אין ענגלאַנד געווען 104 אַקציען־באַנקען — אין יאָר 1900 זיינען שוין נאָר געווען 77 און אין 1914 — 38. פינף ריזיקע באַנקען האָבן באַהערשט דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלעכע לעבן פון לאַנד. דער ענגלישער קאַפּיטאַל־עקספּאָרט איז גוואַלטיק אויסגעוואַקסן. דער קאַפּיטאַל־עקספּאָרט פון דייטשלאַנד האָט באַטראָפן 40־60 מיליאָן פונט שטערלינג, פראַנקרייך 80־100 מיליאָן פונט שטערלינג — דער קאַפּיטאַל־עקספּאָרט פון ענגלאַנד איבער 200 מיליאָן פונט שטערלינג אַ יאָר. אין 1914 האָט דער גאַנצער בריטישער קאַפּיטאַל אין אויסלאַנד באַטראָפן 3.5 מיליאַרד פונט שט. אַזאַ טעמפּאָ פון קאַפּיטאַל־עקספּאָרט האָט געמוזט אָפּשוואַכן די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון ענגלאַנד. די אינוועסטירונגען אין אייגענעם לאַנד זיינען געזונקען. אַלץ גרעסערע סומען זיינען אריינגעלייגט געוואָרן אין אויסלענדישע אונטערנעמונ־

גען. אין 1913, למשל, האָבן די אינוועסטירונגען אין אויסלאַנד באַטראָפן ביז 80 פּראָצענט פון אַלע נייע ענגלישע אינוועסטירונגען.

דער פּאָליטישער רעזשים פון ענגלאַנד פאַרן וועלט-קריג

ביז 1918 האָט ענגלאַנד ניט געהאַט קיין אַלגעמיינע וואַל־רעכט, ס'איז ניט געווען קיין פרויען־וואַל־רעכט. שטימבאַרעכטיקט זיינען נאָר געווען פּערזאָנען, וועלכע האָבן פאַר דער רעגיסטראַציע געצאָלט פאַר 12 חדשים דירה־געלט, לכל הפּחות, 10 פונט שטערלינג. אַ סך מענטשן וואָס האָבן געצאָלט פאַר זייערע צימערן אָדער שלאָף־פּלעצער ווייניקער ווי צען פונט און אויך די הויז־אָנגעשטעלטע זיינען אויף דעם אופן אויסגעשלאָסן גע־וואָרן פון שטימען. אין דערזעלבער צייט האָט אָבער דאָס געזעץ דערלאָזט, אַז מענטשן, וואָס האָבן באַזיצט שטיקער לאַנד אין פאַרשידענע געגנטן האָבן געקענט עטלעכע מאָל שטימען.

אין ענגלאַנד ווייסט מען אויך ניט פון ספּעציעלע וואַלן אויסצוקלייבן פון די צוויי, וואָס האָבן געצויגן די גרעסטע צאָל שטימען, און די וואַל־קרייזן זיינען זייער ניט גלייך צעטיילט. דערפון שטאַמט וואָס די וואַלן האָבן אָפט געהאַט אומדערוואַרטעטע רעזולטאַטן.

אין אָנהויב פון 20סטן יאָרהונדערט ווערט אַלץ קלאָרער, אַז דער פּאַר־לאַמענט פאַרלירט די באַדייטונג און די גאַנצע מאַכט גייט איבער אין די הענט פון דער רעגירונג, אין וועלכער דריי אָדער פיר פירער פון די הערשנ־דע קליקעס שפּילן די אַנטשיידענע ראָלע. דאָס רעכט פון „האוז אָוו קאַ־מאָנס" אויף געזעצגעבונג און קאָנטראָל, ווערט אַלץ באַשריינקט.

וויטער זעען מיר אַזוינע אַריסטאָקראַטישע איבערבלייבענישן אין ענגלישן פּאָליטישן רעזשים, ווי דאָס „אויבערשטע הויז" (לאָרדן־הויז) און דער קעניג. דאָס לאָרדן־הויז האָט אפילו אַ לאַנגע צייט געהאַט דאָס רעכט אָפּצואוואַרפן געזעצן וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן פון אונטערן־הויז. אין יאָר 1911 איז דאָס רעכט אָפּגעשאַפט געוואָרן. אָבער דאָס לאָרדן־הויז קען נאָך אַלץ, אויב אַ געזעץ געפעלט אים ניט, אָפּלייגן עס אויף 2 יאָר. אין דער לעצטער צייט פרואוון די פּריצים, די באַזיצערישע קלאַסן, ווידער צו פאַרשטאַרקן דאָס לאָרדן־הויז, כדי זיך צו באַוואָרענען קעגן די סאָציאַלע עקספּערימענטן פון אונטערשטן־הויז. אַזוי איז אויך מיט דער מאַכט פון קעניג. דער קעניג איז אַ לאַנצע צייט געווען אַ שטיק דעקאָראַציע (די דע־קאָראַציע קאָסט אָפּ 650,000 פונט שטערלינג אַ יאָר). מיט דעם אָנקום פון דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם און דער אויפטרייסלונג פון דער מאָנאָ־פּאָל־שטעלונג פון ענגלאַנד, קען מען זען סמנים צו פאַרשטאַרקן ווידער די מאַכט פון קעניג.

א לאנגע צייט האָט זיך דער פּאָליטישער רעזשים פון ענגלאַנד גע־שטיצט אויף דער פּאַרטיילונג פון דער אַרבעט צווישן צוויי פּאַרטייען — די ליבעראַלן און די קאָנסערוואַטיוון.ביידע פּאַרטייען האָבן זיך געביטן מיט דער מאַכט. זינט דעם סוף פון 19טן יאָרהונדערט, האָבן די קאָנסערוואַטיוון פּאַרטראָטן די אינטערעסן פונם גרויסן גוט־באַזיצער, דער שווערער אינ־דוסטריע און פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל. דאָס פּאַרמעגלעכע פּויערנטום איז זיי אויך נאָכגעגאַנגען.

די קאָנסערוואַטיוון האָבן געשטרעבט צו פּאַרפּעסטיקן די אַריסטאָקראַ־טישע איבערבלייבענישן פונם פּאָליטישן רעזשים אין ענגלאַנד. ס'האָבן זיך אַלץ אָפטער געהערט די קאָנסערוואַטיווע טענות פאַר א שוץ־טאַריף. די ליבעראַלן האָבן פּאַרטראָטן דערפאַר די אינטערעסן פון די באַשעפטיקטע ביי דער אינדוסטריע, די האַנדלס־בורזשואַזיע, דאָס שטאָטישע קליין־ביר־גערטום און די בירגערלעכע אינטעליגענץ. א סך אַרבעטער האָבן אויך אָפּגעגעבן זייערע שטימען די ליבעראַלן. די פּאָליטישע פּראָגראַם פון די ליבעראַלן איז געווען: בירגערלעכע דעמאָקראַטיע, פרייער האַנדל און ניט אַריינמישן זיך אין באַציאונגען פון אַרבעט און קאַפּיטאַל. אין פּעריאָד פון אימפּעריאַליזם האָבן זיך די צוויי פראַקציעס פון דער בורזשואַזיע דערנענ־טערט איינע צו דער אַנדערער. א טייל פון די ליבעראַלן (די יוניאָניסטן) איז איבערגעגאַנגען אין לאַגער פון אימפּעריאַליזם און האָט רעגירט פון 1895־1905 צוזאַמען מיט די קאָנסערוואַטיוון. אין 1905 זיינען די ליבע־ראַלן געקומען צו דער מאַכט און האָבן אָנגעפירט מיט ענגלאַנד אין דער צייט פון וועלט־קריג.

אונטערן איינפלוס פון דער פאַרשטאַרקטער אַרבעטער־באַוועגונג און צוליב דער נויטווענדיקייט צוצוגרייטן דאָס פּאָטערלאַנד צום רייף־ווערנדיקן וועלט־קריג, האָבן ביידע בירגערלעכע פּאַרטייען אָנגעהויבן צו קאָנקורירן אין דורכפירן רעפאָרמען, כדי צו געווינען פאַר זיך די מאַסן. דיזראַעלי, דער פירער פון די קאָנסערוואַטיוון, האָט שוין אין די זיבעציקער יאָרן צוזאַ־מענגעשטעלט א דעמאַגאָגישע פּראָגראַם פון סאָציאַלע רעפאָרמען, כדי צו באַפעסטיקן די קאָנסערוואַטיוון דורך פאַרבונדן זיך מיט די מאַסן. שפּעטער האָבן די קאָנסערוואַטיוון געפּרואווט ווירקזאַמער מאַכן זייער אימפּעריאַ־ליסטישע פּראָגראַם מיט די טענות, אז די באַפעסטיקונג פון דער ענגלישער קאָלאָניאַלער ממשלה און דער איבערגאַנג צום שוץ־טאַריף וועט געבן די מיטלען פאַר דער פינאַנצירונג פון סאָציאַלע רעפאָרמען. די קאָנסערוואַ־טיוון זיינען אויך געווען דידאַזיקע וועלכע האָבן דורכגעפירט די אַגראַר־רעפאָרם אין אירלאַנד אין 1903.

די אירלענדישע פראַגע האָט געהאַט א גרויסע וויכטיקייט פאַר דער אינערלעכער פּאָליטיק פון ענגלאַנד. אירלאַנד איז געווען אין דער אמתן

„די נאציאָנאלע אונטערדריקונג און די קאטוילישע רעאקציע האָבן פון די פּראָלעטאריער פון דעם אומגליקלעכן לאנד געמאכט בעטלער; פון די פּויערים — מיזעראבלע, אומוויסנדע און טעמפּע שקלאפן פון די גלחים; דער בורזשואזיע פאר אן ארומגעצוימטער קאפּיטאליסטישער פעסטונג פאר דעספּאָטן איבער די ארבעטער, און די אדמיניסטראציע א באנדע געוואוינט צו אלערליי גוואלט־מיטלען.“ (לענין)

די מיליאָנען, די קליינע און גאָר קליינע פּאַכטער (ערד־ארבעטער) זיינען געווען אין די הענט פון א הייפעלע פון גרויסע לאנד־באזיצער, וועלכע האָבן אלע מאָל פארגרעסערט די רענט פון דער פּאַכטונג (ערד־באארבעטונג) און נאָך דעם ענדיקן זיך פונם קורץ־טערמיניקן פּאַכט־קאָנטאַקט, האָבן זיי די פּויערים ארויסגעטריבן פון זייער לאנד און אפילו קאָנפיסקירט דאָס קאפּיטאל וואָס די פּאַכטערס האָבן דאָרט אריינגעלייגט. ס'פארשטייט זיך, אז די לאגע האָט ארויסגערופן א גרויסע באוועגונג צווישן די אירלענדישע פּאַכטער, א באוועגונג, וואָס האָט געפירט צום אָפענעם קריג צווישן ענגלישן אימפּעריאליזם און דער אירלענדישער פרייהייט־באוועגונג. א חוץ דער דירעקטער אונטערדריקונג פון די אומרועןן צווישן די פּויערים האָט אָבער דער ענגלישער אימפּעריאליזם אָנגעווענדעט א מעטאָדע פון נאָכגעבן אביסל. אזוי ארום האָט מען דורכגעפירט די אַגראַר־רעפאָרם פון 1903. די רעפאָרם איז באשטאנען אין דעם, וואָס א מיליאָן פונט שטערלינג איז באשטימט געוואָרן צום אויסקויפן דעם באָדן פון די אירלענדישע לענדלאָרדס (די באדינגונגען זיינען געווען זייער גינסטיק פאר די לענדלאָרדס). אָבער אפילו די רעפאָרם האָט ניט אָפּגעהאלטן דאָס פארטרייבן פון די פּאַכטער פון זייערע שטיקלעך ערד. אין 1907 האָבן די צו־דערמאכט־געקומענע ליבעראלן, ווייטער געפירט די דאָזיקע פּאָליטיק פון די קאָנסערוואטיוון, דורכדעם וואָס זיי האָבן דורכגעפירט א געזעץ, אז די לאָנקעס פון די איירישע פּריצים ווערן קאָנפיסקירט פאר א באלוינונג און איבערגעגעבן צו די פּאַכטער. דידאָזיקע רעפאָרמען האָבן פארשטארקט דעם קליינעם לאנד־באזיצער, וועלכער האָט זיך אָבער אינגאנצן דאָך ניט געקענט באפרייען פון דער אָפּהייניקייט פון לענדלאָרד. שפּעטער, אין 1914, האָט אירלאנד באקומען א באשריינקטע אויטאָנאָמיע. אירלאנד האָט באקומען אן איינענעם פּארלאמענט; די העכערע מאכט איז אָבער אלץ געבליבן אין די הענט פון ענגלאנד, וועלכע האָט געהאַט דאָס רעכט אָפּצושאפן די געזעצן, וואָס דער איירישער פּארלאמענט האָט דורכגעפירט. דער קאמף פון אירלאנד פאר איר פרייהייט און פאר אן אגראַר־רעפאָרם האָט זיך דערמיט ניט געענדיקט, און אין דער צייט פון דער אימפּעריאליסטישער מלחמה

אין 1916 האָט אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד אין אירלאַנד, וועלכער איז בלוטיק אונטערדריקט געוואָרן פון די ענגלישע אימפּעריאַליסטן.

מען מוז נאָך צוגעבן, אַז נאָך אין דער צייט פון וועלט־קריג האָט שוין דער איירישער פּראָלעטאַריאַט געהאַט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין אירלאַנד (די אירלענדישע בורזשואַזיע און די אירלענדישע אינטעלעקטואַלן זיינען געווען פאַר אַ פאַראייניקונג מיט ענגלאַנד). אין דער שפּיץ פון די אירלענדישע אַרבעטער האָט זיך געשטעלט דזשים לאַרקין, וועלכער איז געווען קעגן אַ פאַראייניקונג מיט דער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע און איז אַרויסגעטראָטן פאַרן פּראָלעטאַרישן קאַמף אין נאָמען פון סאָציאַליזם.

די ליבעראַלן פון ענגלאַנד, וועלכע האָבן זיך מיט אַלע כוחות געקלאַמערט אין דער מאַכט, האָבן אַרויסגעוויזן אַן אייפער פאַר רעפאָרמען. כדי אַריינצונאַרן די אַרבעטער, האָט דער ליבעראַליזם אַפילו קאָקעטירט מיטן סאָציאַליזם.

די פּאָליטיק פון די ליבעראַלן איז אָנגעצייכנט געוואָרן פון זייער פירער, לאָיד דזשאָרדזש, אויף פאָלגנדן אופן אין אַ רעדע אין 1906:

> „מיר מוזן וויסן, אַז ביזן היינטיקן טאָג איז קיין איינציקער רעאַלער מיטל ניט אָנגעווענדעט געוואָרן אָפּצושטעלן די סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער. מיר דאַרפן געווינען די אַרבעטער, כדי צו קערעווען די ליבעראַלע פּאָליטיק אין דער נויטיקער ריכטונג און צו מאַכן איר אויפשטייג שטאַרק און ענערגיש."

ווען ס'איז אַרויפגעשוואומען אין 1906 די אַרבעטער־פּאַרטיי, האָבן זיך די פירער פון די ליבעראַלן דערשראָקן פאַר דער קאָנקורענץ פון דער־דאָזיקער פּאַרטיי. כדי צו פאַרטרייבן די סכנה, האָבן זיי אין דער צייט, ווען זיי האָבן געהאַט די מאַכט, דורכגעפירט אַ ריי נישטיקע רעפאָרמען (געזעצן, וואָס האָבן פאַרשטאַרקט די פּאָזיציע פון די געווערקשאַפטן; געזעצן וועגן עלטער־פאַרזיכערונג, וועגן סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַר קראַנקע און אינוואַלידן, אַרבעטלאָזע־פאַרזיכערונג א. אז. וו.). ס'וואָלט אָבער געווען פאַלש איבערצושאַצן די אמתע באַדייטונג פון דידאָזיקע דורך די ליבעראַלן (און אויך פון די קאָנסערוואַטיוון) דורכגעפירטע רעפאָרמען. די הוצאות פאַר געזעלשאַפטלעכער בויאונג האָבן אין 1911 באַטראָפן 12.5 מיליאָנען פונט שטערלינג, די הוצאות פאַר באַוואָפענונגען האָבן אָבער שוין אין 1905 איבערגעשטיגן די סומע פון 75 מיליאָן פונט.

די רעפאָרמען וועלכע די בורזשואַזיע האָט איינגעפירט כדי איינצושטילן די אַרבעטער זיינען פאַרשטייט זיך זייער נישטיק. אָבער זיי האָבן לייכטער געמאַכט פאַר דער בורזשואַזיע ניט נאָר צו פאַרפירן די אַרבעטער־

אַריסטאָקראַטיע, נאָר אַפילו די ברייטע מאַסן פונם פּראָלעטאַריאַט, אַריינ־ציען זיי אונטער איר איינפלוס, זיי „צו פאַרבירגערן", ווי ענגעלס האָט עס אָנגערופן.

3. דער ענגלישער טרייד־יוניאָניזם

די ענגלישע אַרבעטער־באַוועגונג נאָכן טשאַרטיזם

אינם קאַפּיטל איבער דער טשאַרטיסטן־באַוועגונג האָבן מיר שוין אָנ־געוויזן אויף דעם שוין 25 יאָר דויערנדיקן פּעריאָד פונם אויפשטייג פון דער ענגלישער אינדוסטריע, וועלכער איז געקומען נאָך דעם פולשטענדיקן פאַ־נאַנדערפאַל פונם טשאַרטיזם אין 1848. באַזיצנדיק דעם אינדוסטריע־מאָ־נאָפּאָל איז די ענגלישע בורזשואַזיע געווען אַ לאַנגע צייט אימשטאַנד צו האָבן אַ פאַרדאָרבענע ווירקונג אויף אַ גענוג גרויסן שיכט פון די אַרבעטער.

אין אַ בריוו צו קאַוטסקין פון 12טן אָקטאָבער 1882, האָט ענגעלס געשריבן:

> „איר פרעגט מיך וואָס די ענגלישע אַרבעטער טראַכטן פון דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק? נו, גענוי דאָסזעלבע וואָס זיי טראַכטן איבער־הויפּט וועגן פּאָליטיק. ס'איז ניט פאַראַנען קיין אַרבעטער־פּאַרטיי, ס'זיינען נאָר פאַראַנען קאָנסערוואַטיווע און ליבעראַלע ראַדיקאַלן און די אַרבעטער געניסן פונם וועלט־מאַרק — אין קאָלאָניען־מאָנאָפּאָל פון ענגלאַנד."

אינטערעסאַנט זיינען די איינדרוקן פונם אַלטן טשאַרטיסט טאָמאַס קופּער, וועלכער האָט אין די יאָרן 1869־79 באַרייזט צפון־ענגלאַנד אַלס וואַנדערנדיקער רעדנער. די מאַטעריעלע לאַגע פונם אַרבעטער האָט ער גע־פונען בעסער ווי אין 1840־41, אָבער ער „האָט געמוזט מיט אַ טרויעריק האַרץ צוגעבן, אַז זייער אינטעלעקטואַלער און מאָראַלישער מצב איז ערגער געוואָרן". זיי זיינען געווען גוט אָנגעטאָן און האָט געהאַט גוט צו עסן, אָבער זייערע שמועסן האָבן זיך געדרייט אַרום ספּאָרט, פערד־געיעג און אַז. וו.

די טרייד־יוניאָנס האָבן איצט באַקומען אַ גרויסע באַדייטונג. דער טרייד יוניאָניזם ווייזט אין דער צייט צוויי כאַראַקטעריסטישע סמנים. ער־שטענס, נעמען אַריין די טרייד־יוניאָנס נאָר די אויבערשטע שיכטן פונם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט — די אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע. צווייטנס, שטייען אין מיטלפּונקט פון דער טעטיקייט פון די טרייד־יוניאָנס, איינריכטונגען פאַר קעגנזייטיקער הילף און די פרידלעכע אויסגלייכן פון קאָנפליקטן. די אי־דייע פון דער סאָלידאַרישקייט פון די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע מיט די אינטערעסן פון די אַרבעטער איז די הויפּט־אידייע פון די טרייד־יוניאָנס.

דער פאַרבאַנד פון מעכאַניקער וועלכער איז אין יאָר 1851 געגרינדעט געוואָרן און וועלכער האָט געדינט אַלס מוסטער פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון טרייד־יוניאָניזם, האָט, כדי צו באַרואיקן די אונטערנעמער, פעסטגעשטעלט, אַז דער פאַראיין שטרעבט בשום אופן ניט איבערצוטרעטן די אינטערעסן פון די אונטערנעמער. אין קעגנטייל, דער פאַרבאַנד איז גיכער געגרינדעט געוואָרן אין די אינטערעסן פון די אונטערנעמער, ווייל ער פאַרמילדערט דעם כאַראַקטער פון די אַרבעטער און פאַרמינדערט דורכדעם די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די אונטערנעמער.

אין די זיבעציקער יאָרן נעמען די טרייד־יוניאָנס אָן די אַזוי־גערופענע סיסטעם פון דעם קייקלדיקן לוין־סקייל. די פרייזן באַשטימען דעם לוין — דאָס איז דער פּרינציפּ פון דעם קייקלדיקן לוין־סקייל. דער לוין ווערט אַזוי אַרום געמאַכט אָפּהייניגיק פון דער גרויס פון די אונטערנעמונגס־פּראָפיטן. די פרייזן פון די פאַבריקאַנטן קענען אָבער אויך פאַלן דורך דער פאַרביליקונג פון רוי־שטאָפן, דורך דער פאַרבעסערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט — אין דעם פאַל שטייגן אויך די פּראָפיטן בשעת די לוינען „קייקלען זיך" אַראָפּ.

די טרייד־יוניאָנס האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן זייער כאַראַקטער אַלס קאַמף־אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער־קלאַס. די סטרייקס זיינען אין זייערע אויגן געוואָרן אַ געפערלעכע טאַקטיק, „אַ ווילדע בעסטיע" (אַן אויסדרוק פון דעם מויערער־פאַרבאַנד).

„מיר גלויבן — האָט געזאָגט וויליאַם אַלאַן, דער סעקרעטאַר פון דעם מעכאַניקער־פאַרבאַנד, — אַז די סטרייקן זיינען אַן אומנוצלעכער געלט־פאַרלוסט פאַר די אַרבעטער און פאַר די אונטערנעמער."

די סטרייק־פאָנדן האָבן פאַרנומען אין דער אָנגעשוואָלענער קאַסע פון די טרייד־יוניאָנס (די מיטגלידער־בייטראָגן זיינען געווען זייער הויך) אַלע־מאָל אַ קלענערן פּלאַץ. דער גרעסטער טייל פון דעם געלט איז פאַרנוצט געוואָרן פאַר שטיצע פאַר אַרבעטלאָזע, פאַר פענסיעס פאַר אַלטע לייט, פאַר קראַנקן־שטיצע, און פאַר אַלערליי וואוילטעטיקע צוועקן. די פירער פון די טרייד־יוניאָנס האָבן זיך אָפן אַרויסגעזאָגט קעגן סטרייקס און האָבן איינגעפירט אַ רייע געזעצן, וועלכע האָבן געמאַכט זייער שווער צו דערקלערן אַ סטרייק. אַ סך מאָל האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן די אויפרופן צו זאַמלען געלט פאַר סטרייקס. טיילעכע פאַרבאַנדן האָבן אַפילו אָפּגעשטעלט די אויסצאָלונג פון סטרייק־אונטערשטיצונגען. „די סטרייקס זיינען געווען די קללה פון דער געווערקשאַפט־באַוועגונג", האָבן געזאָגט די פירער פון די געווערקשאַפטן. „וואָס גרעסער ס'זיינען די געווערקשאַפט־פאָנדן, אַלץ זעלטענער ווערן זיי אויסגענוצט פאַר סטרייק־פאָנדן", זאָגט אַ באַריכט פון אַ „קעניגלעכער אַרבעט־קאָמיסיע".

דעם פּלאַץ פון סטרייקס האָבן פאַרנומען דער קייקלדיקער לוין־סקייל און אַ שטאַרק פאַרצווייגטע סיסטעם פון אַרביטראַציע־געריכטן. דער באַריכט פון אַ טרייד־יוניאָן האָט פעסטגעשטעלט, אַז:

„זינט דער איינפירונג פון אונטערשטיצונגען איז שוואַכער געוואָרן דער חשק צו סטרייקן און די אַרבעטער־קאָנפליקטן ווערן באַהערשט פון גייסט פון אויסגלייכן זיך."

די פאַרשטאַרקונג פון דער אַטמאָספערע פון אויסגלייכן זיך איז געוואָרן די הויפּט־זאָרג פון די טרייד־יוניאָנס. די אַרבעטער־צייטונג „ביהייוו" האָט געשריבן אין 1875:

„ווען די הערשנדיקע קלאַסן ווילן נאָר, קענען מיר האָפן באַלד צו דערלעבן דעם טאָג, ווען די ענגלישע אינדוסטריע וועט מער ניט ליידן צוליב פּראָדוקציע־אונטערברעכונגען, וואָס קומען פון אינדוסטריעלע קאָנפליקטן, נאָר אין וועלכער די אַרבעטער און די אונטערנעמער אַ דאַנק אַ שטאַרקערער פריינטשאַפט און קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש וועלן איינשטימיק ווערן טעטיק פאַר זייערע בשותּפותדיקע אינטערעסן."

ס'איז קיין וואונדער ניט, דערפאַר, וואָס איינער פון די גרעסטע פירער פון דער ענגלישער בורזשואַזיע, גלאַדסטאָן, האָט אַזוי געשריבן וועגן די טרייד־יוניאָנס.

„ס'איז ניטאָ קיין שענערס, וואָס שטימט אַזוי מיט דער בעסטער ענגלישער טראַדיציע, ווי די פאַראייניקונג פון די מיטגלידער פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין אמתן גייסט פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג, פאַרן צוועק פון קעגנזייטיקער הילף אין דער עלטער, אין פאַל פון קראַנקהייטן און אין טויטן־פאַל. קעגן אַזוינע גאָטפאָרכטיקע אָרגאַניזאַציעס וועל איך קיין פינגער ניט אויפהויבן."

די פּאַרטייאישע מעטאָדן פון די טרייד־יוניאָנס

דער ענגלישער טרייד־יוניאָניזם האָט „צו ווייניק מיטגלידער און צופיל פאַרבאַנדן" — האָט געזאָגט וויליאַמס, איינער פון די פּראָמינענטסטע פירער פון די טרייד־יוניאָנס. אין דער אמתן האָבן די טרייד־יוניאָנס ביז צום וועלט־קריג פאַראייניקט נאָר אַ קליינעם פּראָצענט פון די אַרבעטער אין דעם עלטסטן אינדוסטריעלן לאַנד פון אייראָפּע, אין וועלכן דער פּראָלעטאַריאַט ציילט 16 מיליאָן מענטשן. אַזוי זיינען צ. ב. נאָר 17 פּראָצענט פון די באַרג־אַרבעטער, 17 פּראָצענט פון די טעקסטיל־אַרבעטער, 11 פּראָצענט פון די אייזנבאַן־אַרבעטער און 6 פּראָצענט פון ניט־געשולטע אַרבעטער געווערקשאַפטלעך אָרגאַניזירט. דערצו איז נאָך געקומען, וואָס אויך די

אָרגאַניזירטע אַרבעטער זיינען געווען צעשפּליטערט אין אַ סך פּאַראַלעלע פּיינטלעכע פֿאַרבאַנדן. אין יאָר 1914 האָט די צאָל פֿון די פֿאַרבאַנדן דערגרייכט 1123. יעדער פֿאַרבאַנד האָט געהאַט דורכשניטלעך נאָר 3500 מיטגלידער, בשעת אין דייטשלאַנד אין יאָר 1910 זיינען אויף יעדן גע־ווערקשאַפֿט־פֿאַרבאַנד אויסגעפֿאַלן 50,000 מיטגלידער. אין יאָר 1921 זיינען די ענגלישע באַרג־אַרבעטער אָרגאַניזירט געווען אין 113 פֿאַרשידענע פֿאַרבאַנדן; די אַרבעטער פֿון דער בוימוואָל אינדוסטריע אין 169 פֿאַרשיי־דענע פֿאַרבאַנדן א. אז. וו. אָפֿט האָבן די אַרבעטער פֿון איין פֿאַך געהערט צו פֿאַרשידענע פֿאַרבאַנדן. קיינמאָל ניט אויפֿהערנדיקע סכסוכים צווישן די פֿאַרבאַנדן וועגן די גרעניצן פֿון זייער טעטיקייט איז געווען אַן אַלגע־מיינע דערשיינונג. די קאַבינעט־מאַכער און די סטאָליערס האָבן זיך גע־קריגט וועגן רעכט צו הובלעווען ברעטער, וואָס זיינען דיקער ווי אַן אינטש. די קעסלמאַכערס האָבן זיך תמיד געקריגט מיט די שיף־מעכאַניקער און בויער. ס'האָט זיך געטראָפֿן, אַז די טרייד־יוניאָנס פֿון איין שטאָט האָבן ניט צוגעלאָזן געגאָסן פֿון אַן אַנדערער שטאָט צו דער אַרבעט. אַמאָל האָט אַ פֿאַרבאַנד אַפֿילו אויסגענוצט אַ סטרייק פֿון אַן אַנדערן פֿאַרבאַנד, כדי איבערצונעמען זיין אַרבעט. אַזוי האָט אין יאָר 1887 אַ באַרג־אַרבעטער־געווערקשאַפֿט געפֿונען פֿאַר ריכטיק צו טאָן סטרייק־ברעכערישע אַרבעט, אין צייט פֿון אַ סטרייק אין קוילן־באַצירק פֿון נאָרטהומבערלאַנד.

קורץ און גוט, מיר זעען, אַז ס'האָט ניט געהאַלטן זייער ווייט מיט דער איינהייט פֿון די ענגלישע געווערקשאַפֿטן. דאָס דערקלערט זיך צו־ערשט דורכדעם וואָס אין די טרייד־יוניאָנס, וועלכע האָבן אַרומגענומען די אויבערשטע שיכטן פֿון די קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער פֿון פֿאַרשידענע בא־רופֿן האָבן געהערשט פֿאַרטייאישע מעטאָדן. יעדער פֿאַרבאַנד האָט גע־זען זיין אויפֿגאַבע אין באַשיצן די פּריווילעגירטע לאַגע פֿון זיינע מיטגלידער. צוליב דעם צוועק האָבן די פֿאַרבאַנדן באַשריינקט דעם צופֿלוס פֿון נייע מיטגלידער זייער שטאַרק דורכדעם, וואָס זיי האָבן געהעכערט די איינטריט־צאָלונגען.

כדי צו באַוואָרענען די אָרגאַניזאַציע רעכט פֿון זייערע מיטגלידער, האָבן די פֿאַרבאַנדן אַרויסגעשטעלט שטרענגע פֿאָראָדענונגען וועגן אויס־לערנען זיך אַ טרייד, איבער דער צאָל פֿון די לערן־אינגלעך און באַהעלפֿער און האָבן איינגעפֿירט אַ שטרענגע אָרדנונג אין איבערפֿירן די אַרבעטער אין אַ העכערער קאַטעגאָריע. דער אָרגאַן פֿון פֿאַרבאַנד האָט זיך געווענדט צו זיינע מיטגלידער מיט דעם פֿאָלגנדן געבאָט:

„אכטעט די סטאַטוטן און האלט אָפּגעווייטערט די יוגנט, ווייל דער צופֿלוס פֿון דער יוגנט איז די אורזאַך פֿון דעם שלעכטן מצב. אין דעם האלטן די יוגנט פֿון דערווייטן ליגט דער סוד פֿון דערפֿאָלג."

דערדאָזיקער גייסט האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן אין דער שטעלונג פון די טרייד־יוניאָנס געגן די פרויען־אַרבעטער. טראָצדעם וואָס ענגלאַנד איז פאַרן וועלט־קריג געשטאַנען אויפן ערשטן פּלאַץ וואָס אַנבאַטרעפט פרויען־אַרבעט (אַ פערטל פונם גאַנצן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט זיינען געווען פרויען), האָבן די טרייד־יוניאָנס אַ לאַנגע צייט אָפּגעהאַלטן די פרויען פון די אָרגאַניזאַציעס. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז נאָר 15 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטערינס זיינען געווען אָרגאַניזירט.

דערצו קומט נאָך צו די אויסערגעוויינלעכע פילפאַכקייט אין די אָרגאַניזאַטאָרישע פאָרמען פון די טרייד־יוניאָנס. מיר האָבן אָרגאַניזאַציע־פאָרמען לויט געביטן, לויט אָפּטיילונגען, לויט פעדעראַציעס און לויט אינדוסטריעס. אָפט זיינען די לאָקאַלע פאַרבאַנדן ניט געווען פאַרבונדן איינער מיט אַנדערן, אין בעסטן פאַל האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אָן דער פעדעראַציע, אין וועלכער יעדער פאַרבאַנד איז געבליבן ביי זיין אייגענעם אַפּאַראַט, זיין אייגענער קאַסע און זיינע אייגענע פירער. אין יאָר 1911 האָט אַ געווערקשאַפט־קאָנגרעס באַשלאָסן „אין פּרינציפּ" זיך אָרגאַניזירן אין אינדוסטריעלע פאַרבאַנדן. דער געווערקשאַפט־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן יערלעך, האָט אָבער נאָר אַ „מאָראַלישע מאַכט". זיינע באַשלוסן זיינען ניט „בינדנד" פאַר די טרייד־יוניאָנס.

ביי דער גאַנצער פאַרשידנקייט קען די אַלגעמיינע סטרוקטור פון די טרייד־יוניאָנס פאָרגעשטעלט ווערן אויף אַזאַ אופן: די אונטערשטע אָרגאַניזאַציע איז איבעראַל געווען די „סעקציע", „לאָדזש", אָדער דער לאָקאַלער „קלוב" פון פאַרבאַנד. די מיטגלידער זיינען ניט געווען אָרגאַניזירט אין פאַבריק־אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן זיך געוויינלעך פאַרזאַמלט אין זייער שטאַם־לאָקאַל (אַזאַ שענק,) אָדער האָבן באַזוכט זייער סעקרעטאַר, וועלכער האָט זיך אויך אין געוויסע שטונדן געפונען אין אַ לאָקאַל.

די ענגלישע געווערקשאַפט־באַוועגונג האָט אין די פאַבריקן קיין שום אָרגאַנען ניט געהאַט. די איינציקע פאַרבינדונג צווישן דער „סעקציע" אָדער דעם „קלוב" אין דער געווערקשאַפט איז געווען דער סעקרעטאַר. אין די אַכציקער און אין די ניינציקער יאָרן, איז דאָס געווען אַן ערן־אַמט, היינט האָט זיך דאָס געענדערט. היינט זיינען די סעקרעטאַרן, וועמעס צאָל ס'איז שטאַרק געשטיגן, געווערקשאַפט־אָנגעשטעלטע. אויף זיי האַלט זיך די גאַנצע אָרגאַניזאַטאָרישע סטרוקטור פון די טרייד־יוניאָנס.

מיט אַלע געשעפטן פון די טרייד־יוניאָנס האָט אָנגעפירט אַזאַ אַרמיי פון באַצאָלטע געווערקשאַפט־אָנגעשטעלטע, וועלכע זיינען אינגאַנצן געווען איזאָלירט פון די מאַסן און זיינען געוואָרן אַלץ פאַרבירגערלעכט.

פ. וו. גאַלטאָן, אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער, וועלכער האָט זיך אָנגעשלאָסן נאָך דער פאַרענדיקונג פון זיין לערן־צייט אָן דעם געווערקשאַפט־

פאראיין פון זיין באַרוף, און האָט דאָרט פאַרנומען פאַרשידענע אַמטן, האָט געגעבן אַן אַמתדיק בילד פון דער פאַרבירגערלעכונג פון דער געווערקשאַפט־ביוראָקראַטיע.

„דער באַצאָלטער באַאַמטער פון אַ גרויסן פאַראיין ווערט היינט־צו־טאָג אַרומגערינגלט פון בירגערלעכע עלעמענטן און אַריינגעצויגן. זיי לאַדן אים איין צו זיך צום עסן, און ער מוז באַוואונדערן זייערע גוט־איינגעריכטעטע הייזער, זייערע שיינע דיוואַנען און דאָס רייכטום פון זייער לעבן. אפשר ווערט אויך זיין פרוי אומצופרידן מיט זייער אַרט לעבן. זי ווייזט אים אָן, ווי דער און יענער וועלכער האָט מיט אים געלערנט צוזאַמען אין זעלבן ווארשטאַט, ווי גוט ס'איז אים איצט און ער איז שוין אויפן וועג צו מאַכן אַ פאַרמעגן, און זי טענהט מיט איר מאַן, אַז ווען ער וואָלט זיך נאָר האַלב אַזוי אָנגעשטריינגט פאַר זיך ווי ער האָט פאַר אַנדערע, וואָלט ער איצט אויך געקענט פירן אַ זאָרגלאָזן לעבן. ער אַליין דערזעט עס. פאַמעלעך הויבט זיך אָן די גאַנצע אי־דעאָלאָגיע פון אַזאַ מאַן צו ענדערן. ער ציט זיך איבער אין הויז, וואו עס וואוינט די קליין־בורזשואַזיע. דאָס אַריבערציען זיך פירט דערצו, אַז ס'הערט אויף די פאַרבינדונג מיט זיינע פריינט פון אַרבעטער־קלאַס, און זיין פרוי בייט איר באַקאַנטן־קרייז. מיט דעם שטייגער לעבן פון זיינע נייע באַקאַנטע, בייטן זיך אויך זיינע מיינונגען. צוביסלעך קומט ער אין צוזאַמענשטויס מיט זיינע געווערקשאַפט־געגנאַסן. זיין אופן, ווי ער באַגייט זיך מיט די געוויינלעכע מיטגלידער און בפרט מיט די אַרבעטלאָזע, וועלכע פאַרלאַנגען אונטערשטיצונג, ווערט אַן אַנדערער. ער הויבט אויף זיי אָן אַראָפּצוקוקן ווי אויף „געוויינלעכע אַרבעטער"... דאָס רופט אַרויס שנאה. גייט ער אין זיין הויכן הוט, זיין גוטן אויו־בעררעאָק און זיין עלעגאַנטן שירעם צום פאַראיין־ביוראָ, ווארפן אים נאָך שטילע, אָבער טיף־געפילטע קללות, די מיטגלידער וואָס זוכן אַרבעט."
(געשיכטע פון בריטישן טרייד־יוניאָניזם פון סידני און ביטריס וועב, דייטשע איבערזעצונג, שטוטגאַרט, 1895, קאַפּיטל 8, די וועלט פון די געווערק־פאַראיינען, ז. 409).

ראָזע לוקסעמבורג האָט אין איר צייט געשריבן מיט רעכט, אַז דער קלאַסישער פאַרטרעטער פון ענגלישן טרייד־יוניאָניזם איז געווען אַ זאַטער, קאָרעקטער, באַשריינקטער, פּראַקטישער, בירגערלעך דיינקנדער און פילנדי־קער, אַרבעטער־דזשענטעלמאַן.

די ענגלישע בורזשואַזיע האָט זיך אָפּט באַנוצט מיט רעפּרעסיעס קעגן די טרייד־יוניאָנס. זי האָט אויפגעלייזט די פאַרבאַנדן און האָט זיי גע־שטערט אין זייער טעטיקייט. זי האָט פּראָטעזשירט די געווערקשאַפט־אָנגע־

שטעלטע, און פאַרפאָלגט די סטרייקער־פּיקעטס. זי האָט פאַרבאָטן די טרייד־יוניאָנס צו זאַמלען געלט פאַר פּאָליטישע צוועקן, — אין דער זעלבער צייט האָט אָבער די בורזשואַזיע פאַרשטאַנען דורך געשיקטע מאַנעוורעס און צייטווייליקע קאָנצעסיעס צו „קאָרומפּירן די מערהייט פון די אויפגעקלערטע ארבעטער און אידעאָלאָגיש זיי צו פאַרשקלאַפן" (לענין). זי האָט פאַרשטאַנען אָפּצוקויפן זיי. אזוי האָט דער פירער פון די באַרג־ארבעטער, פּיקאַרד, געקראָגן געהאַלט פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי. דער פירער פון די קעסל־שמידן, נייט, איז אַן אַקציאָנער פון די דאָק־יאַרדס, קעגן וועלכע זיין פאַרבאַנד האָט געקעמפט. א סך פּראָמינענטע פירער פונם ענגלישן טרייד־יוניאָניזם האָבן זיך שפּעטער אָפּגעוואָנדט פון די געווערקשאַפטן און האָבן פאַרנומען גוטע קאַפּיטאַליסטישע פּאָסטנס.

אויפן פּאָליטישן געביט איז דער ענגלישער אַרבעטער־קלאַס טריי נאָכגעגאַנגען די ליבעראַלן; א טייל פון די ארבעטער איז אפילו נאָכגעגאַנגען ד קאָנסערוואַטיוון. מיט רעכט האָט לענין געשריבן אין 1913: „אין דער גאַנצער וועלט זיינען ניטאָ אַזויפיל ליבעראַלן צווישן די פאָרגעשריטענע אַרבעטער ווי אין ענגלאַנד".

דער נייער טרייד־יוניאָניזם

מיר האָבן אויבן געזאָגט, אז אין די אַכציקער יאָרן איז געקומען אַן ענדערונג אין דער ענגלישער ווירטשאַפט. דער פּראָצעס פון דער ליקווידירונג פון דער ווירטשאַפטלעכער הערשאַפט פון ענגלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן. די געשעפטן האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן, די שכירות צו ווערן נידעריקער, די אַרבעטלאָזיקייט איז געשטיגן, די לאַגע פון די ניט־געשולטע אַרבעטער איז געוואָרן די ערגסטע. די קאָמפּראָמיס־פּאָליטיק פון די טרייד־יוניאָנס האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אַלץ שטאַרקערן ווידערשטאַנד. אין דער סיטואַציע איז אַנטשטאַנען דער נייער טרייד־יוניאָניזם, וועמענס פירער האָבן זיך מייסטנס רעקרוטירט פון די אַרבעטלאָזע און די ניט־געשולטע, וואָס האָבן געשטרעבט צו בייטן דעם אָפּאָרטוניסטישן כאַראַקטער פון דער פּאָליטיק פון די טרייד־יוניאָנס און זייערע איינג־פּאַרטייאישע און אריסטאָקראַטישע פאָרמען. דער נייער טרייד־יוניאָניזם האָט געשטרעבט צו אָרגאַניזירן די אומגעלערנטע אַרבעטער; ער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל פאַרקלענערן די פּרייזן פון מיטגליד־שטייערן, און איז געוועזן דערפאַר מען זאָל די אונטערנעמער דערלאַנגען גיכע און פּלוצלומדיקע קלעפּ. אין די סטאַטוטן פון א פּאָר נייע פאַרבאַנדן זיינען אָנגענומען געוואָרן פאָרמולירונגען וועגן א „ראַדיקאַלן איבערבוי" פון סאָציאַלע באַציאונגען. די באַוועגונג האָט אָבער ניט געפירט צום ציל. דער אָפּאָרטוניזם האָט זיך גענוג שטאַרק פאַראַנקערט

אין די אויבערשטע שיכטן פונם ארבעטער־קלאס, צו דערהאלן זיך פון די קלעפ, וועלכע ס'האבן אים געגעבן די ענדערונגען אין די אכציקער יארן. א סך פירער פון „נייעם טרייד־יוניאניזם“, וועלכע האבן אין אנהייב זייער שארף קריטיקירט דעם אפארטוניזם פון די טרייד־יוניאנס, זיינען אליין גע־ווארן אפארטוניסטן.

טראצדעם איז געקומען א שטיקל ענדערונג. א נייער ווינט האט אנ־געהויבן בלאזן אין דער ענגלישער ארבעטער־באוועגונג. די אומארגאני־זירטע ארבעטער האבן זיך אנגעהויבן גרייטן צום קאמף.

דער סטרייק פון די דאק־ארבעטער אין יאר 1889 איז געווען דער הויך־פונקט פון דעמדאזיקן קאמף. צען טויזנט ניט־געשולטע ארבעטער האבן איינשטימיק געווארפן די שלעכט־באצאלטע און ניט זיכערע ארבעט, איבער וועלכער זיי האבן זיך יעדן פרימארגן געריסן ביי די אריינגאנגען צו די דאקס. די סטרייקער זיינען אונטערשטיצט געווארן פון אנדערע גרופעס דאק־אר־בעטער און טראנספארט־ארבעטער. נאך א פאר טעג זיינען אלע דאקס אויף די ברעגעס פון דער טעמזע געווען פארלאזן. דאס לעבן פונם גרעסטן פארט פון דער וועלט איז אויף 4 וואכן אינגאנצן געליימט געווארן.

די אומגעשולטע ארבעטער האבן אנגעהויבן צו גרינדן אייגענע פאר־באנדן (אזוי צ. ב. דער פארבאנד פון די ארבעטער פון די גאז־אנשטאלטן). מארקסעס טאכטער, עלענאר, האט ארויסגעוויזן דערביי א לעבעדיקע טע־טיקייט. ס'האט זיך אלץ אפטער געטראפן, אז די ארבעטער האבן פון זיך אליין, קעגן דעם ווילן פון די געווערקשאפט־פירער, צעריסן די נעצן פון ארביטראציע־אנשטאלטן, און איבערגעגאנגען צו מעטאדן פון דירעקטן קאמף. ס'האט אפט געטראפן אז מאסן־פארזאמלונגען פון ארבעטער האבן זיך פשוט אפגעזאגט צו פאלגן די געווערקשאפט־ביוראקראטן.

אין דער פעריאדע (די אכציקער יארן) הויבט זיך אן די סאציאליסטישע באוועגונג אין ענגלאנד.

4. דער סאציאליזם אין ענגלאנד און די לייבאר־פארטיי

די סאציאל־דעמאקראטישע פעדעראציע

די וועבס, די געשיכטע־שרייבער פון דער ענגלישער געווערקשאפט בא־וועגונג שרייבן:

> „ביז 1885 גיבן אלע באאבאכטער איינשטימיק צו, אז די בריטישע טרייד־יוניאנס זיינען א דאמבע קעגן אלע סאציאליסטישע פראיעקטן. אין פארלויף פון 10 יאר איז די גאנצע וועלט פון די טרייד־יוניאנס דורכגעדרונגען געווארן פון קאלעקטיוויסטישע אידייען.“

די וועבס איבערטרייבן אודאי מיט דעם וואָס זיי זאָגן, אַז די טרייד־יוניאָנס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיטן סאָציאַליזם, אָבער דאָך איז אמת, אַז דער אומבייט אין ענגלאַנדס עקאָנאָמיק אין די אַכציקער יאָרן, איז פּאַראַלעל מיט דער אנטשטייאונג פון סאָציאַליסטישע אידייען און אַ ריי סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. איינע פון די אָרגאַניזאַציעס איז געווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון הינדמאַן, וו. מאָריס, טאָם מאַן און אַנדערע אין יאָר 1884. די פעדעראַציע האָט זיך אין איר פּראָגראַם געשטיצט אויפן מאַרקסיזם, ס'איז אָבער געווען אַ מאָדנער מאַרקסיזם, אָן דער אידייע פון דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, און אָן דער נויטווענדיקייט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם.

דער פירער און טעאָרעטיקער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע, הינדמאַן, האָט אין זיין בוך „ענגלאַנד פאַר אַלע" געשריבן:

> „מיר זיינען אפשר דאָס איינציקע פאָלק, וואָס קען ברייננגען אויף אַ פרידלעכן אופן, אין אָרדנונג און אין וואוילשטאַנד, יענע פאַרענדערונגען, וועלכע די ארבעטער פונם קאָנטינענט זוכן אין אנארכיע און אין בלוט־פאַרגיסן."

אויף דעם פּאָדערבלאַט פון הינדמאַנס בראָשור „איבער די גרונט־פּרינציפּן פון סאָציאַליזם", שטייט פאָלגנדע אויפפאָדערונג:

> „מענער און פרויען, וועלכע ווילן אַ פרידלעכן איבערגאַנג פון דער היינטיקער כאאָטישער קאפּיטאַליסטישער סיסטעם צו אַן אָרדנונגספולער קאָלעקטיווער געזעלשאַפט, ווערן אויפגעפאָדערט צוצוטרעטן צו דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פעדעראַציע."

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע איז קיינמאָל ניט געווען קיין מאַסן־אָרגאַניזאַציע. די פירער פון דער פעדעראַציע האָבן אויך ניט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש ווי צו ארבעטן פאַר אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע, און האָבן דורכדעם געשטאַרקט דעם סעקטאַנטישן אינטעליגענטישן כאַראַקטער פון דער פעדעראַציע.

ווען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע האָט טאָם מאַן (דער היינטיקער קאָמוניסט) אריינגעבראַכט דעם פאָרשלאַג צו מאַכן פאַרבינדונגען מיט די געווערקשאַפט־פאַרבאַנדן, איז דער פירער פון דער פעדעראַציע הינדמאַן מיט זיין גאַנצער קראַפט ארויסגעטראָטן קעגן דעם:

> „וואָס זיינען דידאָזיקע גרויסאַרטיקע טרייד־יוניאָנס? — האָט

ער געפרעגט, — ווער שטייט אין זייער שפיץ? די נארישסטע, די באַ־שרייענקסטע אַפּאַרטוניסטן. ס'וואָלט געווען גרונט־פאַלש זיך אויף זיי צו פאַרלאָזן, אָדער צו בייטן די פּאָליטישע פיזאָנאָמיע פון דער פעדע־ראַציע, כּדי זיך מיט זיי צו פאַרבונדן."

אַן אַנדערער פירער פון דער פעדעראַציע, דזשאַן בוירנס, האָט זיך געקווייקלט צו אַגיטירן פאַרן 8־שעהדיקן אַרבעט־טאָג, ווייל אַזוינע קליינע רעפאָרמען זיינען היינט ניט אַם פּלאַץ. דער קאַפּיטאַליזם גוססט און מען דאַרף זיך גרייטן אויף זיין באַלדיקן אומשטורץ. דזשאַן וואָרד, (וועלכער האָט דעם „גליק" צו זיין היינט דער קאַפּיטאַן פון זיין מאַיעסטעט) האָט נאָך ענערגישער דערקלערט, אַז ער איז אַלעמאָל גרייט זיך צו באַטייליקן אין דעם רעוואָלוציאָנערן אומשטורץ, און דערפאַר דאַרף מען זיך מיט אַזוינע קליינקייטן ווי דער אַכט־שטונדיקער טאָג, ניט אָפּגעבן.

דאָס אָפּפרעמדן זיך פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע פון די טעגלעכע פאָדערונגען פון די מאַסן, האָט געפירט דערצו, אַז אירע קאַנ־דידאַטן האָבן אַלץ ווייניקער שטימען געצויגן ביי די וואַלן (אַ חוץ די וואַל־מאַכינאַציעס און אָפּמאַכן מיט די קאָנסערוואַטיוון). די פעדעראַציע אַליין האָט געציילט אין יאָר 1894 בערך 5,000 מיטגלידער, אין יאָר 1900 בערך 9,000, אין דעם ערשטן יאָר צענדליק פון 20סטן יאָרהונדערט, בערך 12,000 מיטגלידער.

דערצו נאָך האָט זיך אין ערשטן יאָר פון איר עקזיסטענץ אַ גרופּע מיט וו. מאָריס, אַוועלונג, און עלענאָר מאַרקס אין דער שפּיץ, אָפּגע־שפּאָלטן און געגרינדעט די סאָציאַליסטישע ליג.

אין דעם מאַניפעסט האָט וו. מאָריס געשריבן וועגן דער אָפּשפּאַלטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע:

„מיר האלטן עס פאר שעדלעך און אוממעגלעך אויפצוהאלטן ביי די ארבעטער די האָפנונג, אז זייער לאגע קען זיך פארבעסערן א דאנק דעם קאמף צווישן די פראקציעס פון אונזער הערשנדיקן קלאס... וויי־טער באהויפּטן מיר, אז אין די רייען פון דער סאָציאל דעמאָקראטישער פעדעראציע עקזיסטירט די טענדענץ צום פּאָליטישן אָפּאָרטוניזם, צום אָפּאָרטוניזם, וועלכער פירט אונז, זאָל אפילו זיין אף א קורצער צייט, צו א בלאָק מיט איינער פון די בירגערלעכע פארטייען, וואָס קען אָפּשוואכן דעם שלאָגנדן כוח פון אונזער פּראָפּאָגאנדע, און מיר ווערן אריינגעצויגן אין וואל־קאמף. אויסערדעם קענען מיר דורכדעם פארלירן אונזערע בעסטע גענאָסן. ווען זיי קומען אין פארלאמענט ווערן זיי אָדער מאַריאָנעטן, אָדער אונזערע האַרן, אָדער זיי פאַרראַטן אונז."

מען דאַרף באַמערקן, אַז פר. ענגעלס, וועלכער האָט זיך קריטיש פאַר־האַלטן צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע, ווייל ער האָט זייערע מיטגלידער געהאַלטן פאַר סעקטאַנטן און קאַריעריסטן, ווי צום ביישפּיל, ב. הינדמאַנען, אָדער אויך פאַר „דעמאָקראַטישע נאַראָנים“, האָט געהאַט געוויסע סימפּאַטיעס פאַר דער „סאָציאַליסטישער ליגע“.

ער האָט געלויבט די גרינדער פון דער ליג, ניט פאַר זייער אַנטי־פּאַרלאַ־מענטאַריזם, נאָר פשוט פאַר זייער אבזיכט צו אָריענטירן זיך אויף דער דעראָבערונג פון די מאַסן.

> „מען (ד. ה. די מיטגלידער פון דער ליגע) — האָט געשריבן ענ־געלס, — ווערט צום סוף באַשיידן, מען זעט אַז מען דאַרף אפּערירן לויט די כוחות און ניט נאָכן גלויבן, אַז דער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט וועט באַלד מוזן אַריינטרעטן, ווען עטלעכע ליבעראַלן באַקערן זיך צום סאָציאַ־ליזם.“ (בריוו צו בערנשטיין דעם 29סטן דעצעמבער, 1884.)

די „סאָציאַליסטישע ליגע“ איז אָבער אַן אויסגעשפּראָכענע סעקטע. איר מיטגלידערשאַפט איז קיינמאָל ניט איבערגעשטיגן עטלעכע הונדערט מאַן. באַלד האָבן די אַנאַרכיסטן די ליגע באַהערשט. אין יאָר 1890 איז וו. מאָריס, דער באַגרינדער פון דער ליגע, פון איר אַרויסגעטראָטן.

אין יאָר 1907 האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע געענדערט איר נאָמען און האָט זיך אַ נאָמען געגעבן סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. ס'האָט זיך אויך געענדערט איר שטעלונג בנוגע די טרייד־יוניאָנס. די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט אַנערקענט די טרייד־יוניאָנס און האָט אָנגעהויבן אַקטיוו דאָרט צו אַרבעטן. אין 1911 איז די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע פּאַרטיי, צוזאַמען מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּן, אַריין אין דער בריטישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך יענעם יאָר גע־גרינדעט. אין דער צייט, וואָס די מערהייט פון דער בריטישער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי איז אין קריגס־צייט געווען קעגן דעם סאָציאַל פּאַטריאָטיזם, האָט די מינדערהייט מיט הינדמאַן אָן דער שפּיץ אָנגענומען אַ סאָציאַל־פּאַטריאָטישן שטאַנדפּונקט, איז ווידער אַרויסגעטראָטן פון דער בריטישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האָט אויפסניי געגרינדעט די סאָציאַל דעמאָ־קראַטישע פעדעראַציע, וועלכע האָט פאַרטראָטן אַן עקסטרעם רעכטן שטאַנד־פּונקט.

די „פאַביאַנער“

אַ זייער כאַראַקטעריסטישע אָרגאַניזאַציע פאַר ענגלאַנד איז די „גע־זעלשאַפט פון פאַביאַנער“ (פעיביאַן סאָסאַיעטי), וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1884.

די פאַביאַנער גיבן אָפן צו, אַז זיי זיינען קעגן דעם „פון אויסלאַנד אימפּאָרטירטן סאָציאַליזם“ מיט זיינע גוואַלדזאַמע רעוואָלוציעס. די פאַביאַנער פאַרטרעטן „אַ ספּעציפיש ענגלישן סאָציאַליזם“, אַ סאָציאַליזם, וועלכער ווערט פאַרווירקלעכט פרידלעך, אָן גוואַלט־מיטלען, אין פאַבריק געזעצן, אין געזעצן איבער דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די אונטערנעמער, אין געזעצן איבער געזונטהייט־שוץ, איבער אַרבעטער־וואוינונגען, איבער דעם בילדונגס־וועזן, — קורץ געזאָגט, דורך אַ רייע „געזעץ־אַקטן, וועלכע ברייננגען וואוילטאָג“.

פאָלקס־גערטנער, פּאַרקן, פאָלק־בעדער, קאַנאַליזאַציע, קאָמונאַלע גאַסן־באַנען, גימנאַסטיק, פּאָסט־פאַרוואַלטונג פון דער רעגירונג, נאַציאָנאַליזאַציע פון די אייזנבאַנען — דאָס אַלץ שטעלט זיך פאָר דער פאַביאַנער אַלס סאָציאַליזם.

די הויפּט־אויפגאַבע פון די פאַביאַנער איז ניט אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף און די דעראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט, נאָר דורך אויפרודערן דעם געזעלשאַפטלעכן געוויסן, דורכדעם, וואָס מען ברענגט ארויס אין דער עפנטלעכקייט די עקזיסטירנדע שלעכטע זייטן פון דער געזעלשאַפט (ד. ה. פון דער בורזשואַזיע).

די פאַבאַינער פּראָפּאַגאַנדירן אַלזאָ די אַלטע אידייע פון די אוטאָפּיסטן, אַז די בורזשואַזיע מוז אַנטייל נעמען אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

„די געזעלשאַפט (פאַביאַנער) — לייענען מיר אין פּראָגראַם פון די פאַביאַנער, — זוכט אירע מיטגלידער אין אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, ווייל זי האַלט, אַז נישט נאָר מענטשן, וועלכע ליידן אונטער היינטיקער סיסטעם, נאָר אויך מענטשן, וועלכע געניסן פון דער סיסטעם, זעען די שלעכטע זייטן און וועלן באַגריסן זייער אָפּשאַפונג.“

נאָך דער מיינונג פון וועב — דעם באַגרינדער און טעאָרעטיקער פון דער פאַביאַנער געזעלשאַפט, מוז דער קאַמף געפירט ווערן נישט צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, נאָר צווישן דער גרויסער מאַיאָריטעט פון פאָלק און די רענטיערס. די טאַקטיק פון די פאַביאַנער, ווייזט זיך ארויס דורך דעם נאָמען פון דער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט רופט זיך נאָכן רוימישן גענעראַל קונקטאַטאָר (אפּלייגער) פאַביוס.

„מיר מוזן — זאָגן די פאַביאַנער — וואַרטן אויפן פּאַסיקן מאָמענט, אַזוי ווי פאַביוס האָט עס געטאָן אין זיין מלחמה קעגן האַניבאַל, כאָטש אַ סך האָבן אים פאַרגעוואָרפן זיין אָפּלייגעכץ.“

די פאַביאַנער זיינען נישט אייגנטלעך אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע. די געזעלשאַפט פאַרנעמט זיך בלויז מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון אירע אידייען און איז קיינמאָל ניט געווען קיין מאַסן־אָרגאַניזאַציע.

אין די יאָרן 1911 און 1912, האָט מען אין גאַנץ ענגלאַנד געציילט 2,687 מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. אין די פאַביאַנער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַ סך אינטעלעקטואַלן (צווישן זיי די שריפטשטעלער סידני און ביטריס וועב, בערנאַרד שאָ, וועלס, סנאָודען און אַנדערע), וועלכע האָבן אַוועקגע־שטעלט דעם ליטעראַרישן און וויסנשאַפטלעכן באָדן פאַרן טרייד־יוניאָניזם, און שפּעטער פאַר דער לייבאָר־פּאַרטיי.

אַ טייל פון די פאַביאַנער איז אָבער געגאַנגען צוזאַמען מיט די ליבע־ראַלן. לויט די גרונט־פּרינציפּן פון דער געזעלשאַפט זיינען זיי אין דער באַציאונג געווען זייער ברייטהאַרציק.

„די פאַביאַנער — האָט געזאָגט דער באַריכט פון דער געזעלשאַפט פאַרן יאָר 1896 — זיינען ניט קעגן קיין פּאָליטישע אָדער סאָציאַל־רע־פאָרמאַטאָרישע אָרגאַניזאַציעס. אין קעגנטייל, זיי שטרעבן אָנצושליסן זיך אין דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, כדי זיי דורכצודרינגען מיט די אי־דייען פון די פאַביער."

ס'פאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע דורכדרינגונג פּאָליטיק איז לחלוטין דער היפוך פון דער קלאַסן־טאַקטיק פונם פּראָלעטאַריאַט.

אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט — אין 1893 — האָט ענגעלס געגעבן פאָלגנדע שאַרפע, אָבער פאַרדינטע כאַראַקטעריסטיק פון די פאַביאַנער:

„די פאַביאַנער אין לאָנדאָן זיינען אַ באַנדע פון קאַריעריסטן, וועל־כע האָבן גענוג פאַרשטאַנד איינצוזען די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער סאָציאַלער איבערקערעניש, וועלכע ווילן אָבער דעם רויען פּראָלעטאַריאַט ניט אָנפאַרטרויען די ריזיקע אַרבעט און דאַריבער ווילן זיי שטיין אָן דער שפּיץ. מורא פאַר דער רעוואָלוציע איז זייער גרונט־פּרינציפּ. זיי זיינען די געבילדעטע ,פאַר עקסעלאַן'. זייער סאָציאַליזם איז שטאַט־סאָציאַליזם.

„די קאָמונע און ניט די נאַציע זאָל אמווייניקסטנס דערווייל ווערן די אייגנטימערין פון די פּראָדוקציע־מיטלען. דערדאָזיקער סאָציאַליזם זייערער ווערט פאָרגעשטעלט אלס די לעצטע אומפאַרמיידלעכע קאָנסע־קווענץ פונם בירגערלעכן ליבעראַליזם. און דערפון שטאַמט זייער טאַק־טיק ניט צו באַקעמפן די ליבעראַלן אלס קעגנער, נאָר זיי טרייבן צו סאָציאַליסטישע קאָנסעקווענצן, כדי נאָכדעם אָנצוטרינקען דעם ליבע־ראַליזם מיט סאָציאַליזם, און ניט אקעגנצושטעלן די ליבעראַלן מיט סאָ־ציאַליסטישע קאַנדידאַטן, נאָר אָנהייגען אָדער אַרויפצוצווינגען אויף זיי פאַרשידענע אידייען. אז זיי ווערן דערביי אליין באַשווינדלט, אָדער באַשווינדלען דעם סאָציאַליזם, זעען זיי נאַטירלעך ניט איין. זיי האָבן

מיט גרויס פליִס באַזאָרגט שונד־ביכער, אויך גוטע פּראָפּאַגאַנדע שריפטן, דאָס בעסטע וואָס די ענגלענדער האָבן אין דעם פעלד. אָבער ווי זיי קומען ארויף אויף זייער ספּעציפישער טאַקטיק, צו פאַרטושן דעם קלאַסן־קאַמף, ווערט זייער ארבעט מיאוס. דערפון שטאַמט זייער פאַנאַטישער האַס צו מאַרקסן און צו אונז אַלע — וועגן קלאַסן־קאַמף.״
(„זאָרגע־בריוו־קעסטל״, זייט 390.)

צום סוף האָט אויך לענין די פאַביאַנער אַזוי אָפּגעשאַצט :
„דעם לעצטן אויסדרוק פון אָפּאָרטוניזם און פון דער ליבעראַלער אַרבעטער־פּאָליטיק האָבן מיר זיכער אין דער פאַביאַנער געזעלשאַפט״...

די אומאָפּהייניקע אַרבעטער־פּאַרטיי

די צענטראַלע פראַגע פון סאָציאַליזם איז די פאַראייניקונג פון וויסנשאַפטלעכן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם מיט דער פּראָלעטאַרישער מאַסן־באַוועגונג. די „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע״ איז דערפאַר ניט מסוגל געווען. צו זאָגן דאָס מיט ענגלסעס ווערטער, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע געפירט דערצו אַז :

„די מאַרקסיסטישע טעאָריע פון אַנטוויקלונג איז אַראָפּגעשלעפּט געוואָרן צו אַן אָרטאָדאָקסישער איינגעשרומפּנקייט, וועלכע האָט זיך ניט אַנטוויקלט ביי זיי פון זייער אייגענעם קלאַסן־געפיל, נאָר זיי האָבן דאָס גלייך אַראָפּגעשלונגען ווי אַ גלויבן. דערפאַר בלייבט בלויז סעקטע, און ס׳קומט, ווי העגעל זאָגט, פון גאָרנישט, דורך גאָרנישט צו גאָרנישט.״ (בריוו צו זאָרגע פון 12טן מאי 1894, „זאָרגע בריווקעסטל״, זייט 412.)

דערווייל איז דאָס שטרעבן נאָך אַ מאַסן־פּאַרטיי ביים אַרבעטער־קלאַס געוואָרן אַלץ שטאַרקער, בפרט נאָך דעם פּלוצלונדיקן איבערבייט, וואָס איז געקומען אין די אַכציקער יאָרן.

אַזאַ פאַרזוך אריינצונעמען פאַרשידענע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אין איין פּאַרטיי איז — נאָך דעם ערשטן פרואוו אין 1889 אין סקאָטלאַנד — געמאַכט געוואָרן אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב אין 1893 פון קעיר הארדיע.

אויף אַ קאָנפערענץ, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט 120 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַרטראָטן 5,000 אַרבעטער, האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף וועגן דעם נאָמען פון דער נייער פּאַרטיי. דער פאָרשלאַג צו רופן די פּאַרטיי, סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, איז באַקעמפט געוואָרן זייער שאַרף פון אַ רייע דעלעגאַטן. דער געווערקשאַפטלער, בען טילעט, האָט דערקלערט, אַז דער טרייד־יוניאָניזם איז „דער בעסטער סאָציאַליזם״ און די מערסטע

איראָפּייאישע סאָציאַליסטן זיינען „פּוסטע פראַזיאָרן און פּאַפּוגייען".

„אַפילו ווען מיר וואָלטן געהאַט 50 אַזעלכע פּאַרטייען, ווי די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, וואָלט איך בעסער אָנגענומען אונזערע פּאָרגע־שריטענע טרייד־יוניאָנס."

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן די נייע פּאַרטיי צו רופן אומאָפּהייניגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי" (אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטיי). די באַצייכנונג סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטיי איז פאַרוואָרפן געוואָרן, ווייל די דערציאונג פון די אַרבעטער אין גייסט פון סאָציאַליזם איז דער ציל פון דער נייער פּאַרטיי און זי דאַרף ניט אָפּשטויסן די ניט־סאָציאַליסטישע אַרבעטער. די אמת־דיקייט פונם לעצטן אַרגומענט האָט אויך פּר. ענגעלס אָנערקענט (1893 אין „זאָרגע בריוועקסטל", זייט 391 און 393). ער האָט אָוועקגעשטעלט די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ באמת פון־דער־בורזשואַזיע־אומאָפּהייניגיקע מאַסן־פּאַרטיי, וועלכע זאָל זיין אימשטאַנד קודם־כל אויפצוטרייסלען דעם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט פון זיין שלאָף. פון דעם שטאַנדפּונקט האָט מען געקאָנט פאַרבייגיין דאָס, וואָס די פּראָגראַם פון דער נייער פּאַרטיי איז געווען אין געוויסע פּונקטן צוגעפּאַסט צום ניווא פון די מאַסן. די גאַנצע ווייטערע געשיכטע פון דער אומאָפּהייניגיקער אַרבעטער פּאַרטיי האָט אָבער געוויזן, אַז זי איז געווען אין דער אמתן „אומאָפּהייניגיק פונם סאָציאַליזם, אָבער דערפאַר אָפּהייניגיק פון די ליבעראַלן" (לענין). די פירער פון דער אומאָפּ־הייניגיקער אַרבעטער פּאַרטיי (קעיר האַרדיע, סנאָודען, מאַקדאָנאַלד, קליין) האָבן אַנטוויקלט מיינונגען, אַז דער מאַרקסיזם איז אַ שעדלעכע טעאָריע, אַז עס איז „טאַקטיש ניט קלוג" צו ריידן פון רעוואָלוציע אָדער קלאַסן־קאַמף. דער סאָציאַליזם פון דער אומאָפּהייניגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, איז דורכגעדרונגען פון מאָראַלישע און רעליגיעזע געדאַנקענגאַנגען און שטייט זייער ווייט פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם. אין דער אמתן איז די הויפּט־אַרבעט פון דער אומאָפּהייניגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי באַשטאַנען אין אַ יאָגעניש נאָך פּאַרלאַמענט־מאַנדאַטן און אין דורכפירן וואַל־קאַמ־פּאַניעס.

מיט דער גרינדונג פון דער לייבאָר־פּאַרטיי איז די אומאָפּהייניגיקע אַר־בעטער־פּאַרטיי צו איר צוגעטראָטן. זי אַליין האָט זיך ניט געקענט אַנט־וויקלען צו אַ מאַסן־פּאַרטיי און איז געבליבן אין די ראַמען פון דער ליי־באָר־פּאַרטיי אַ גרופּע פון 30,000—50,000 מיטגלידער. איר אידעאָלאָגי־שער איינפלוס אויף דער לייבאָר־פּאַרטיי איז אָבער באַדייטנד שטאַרקער געווען (בפרט אין דער אָנהויב־צייט פון דער לייבאָר־פּאַרטיי; היינט איז די אידעאָלאָגישע פירערשאַפט אין דער לייבאָר־פּאַרטיי איבערגעגאַנגען מער צו די פאַביאַנער.)

אין יאָר 1920 איז די אומאָפּהייניגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי אַרויסגעטראָטן

פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און האָט געפּרואווט פאַרבונדן באַציאונגען מיט דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. נאָכדעם ווי דער קאָמינטערן האָט—כדי צו האַלטן פון דער ווייט אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן — אויפגעשטעלט די באַקאַנטע „21 באַדינגונגען“, האָט זיך די אומאָפּהענגיקע אַרבעטער פּאַרטיי אָפּגעזאָגט זיי אָנצונעמען און איז צוגעטראָטן צום צוויי־און־אַ־האַלבן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן. היינט*) געהערט די אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי ווידער צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. זי אונטערשטיצט אינגאַנצן די „אַרבעטער“־רעגירונג. די פירער פון דער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, ווי צ. ב. מאַקסטאָן, שטרעבן צו פאַרדעקן די אַרבעטער־פיינטלעכע, אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי מיט לינקע פראַזן. אויפן פּאַרטיי־טאָג פון דער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי אין אַפּריל 1931, האָט די פּאַרטיי אריינגעבראַכט אַ פאָרשלאַג צו שאַפן אַ באַזונדערע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַנזאַציע,—אַזאַ מין צוויי־און־אַ־האַלב**) אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זאָל איינשליסן די לינקע סאָציאַל דעמאָקראַטן פון פאַרשיידענע לענדער. די פּראָגראַם פון דעם אינטערנאַציאָנאַל דאַרף זיין: „קומען צום סאָציאַליזם“ אויף אַ פרידלעכן וועג, אָן רעוואָלוציע. דער צוועק פון דער נייער קאָמבינאַציע פון די אומאָפּהענגיקע איז קלאָר: צו פאַרמיידן, אז די אַרבעטער וועלכע אַנטוויקלען זיך אין דער לינקער ריכטונג און קערן זיך אָפּ פון די פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, זאָלן זיך ווענדן צו די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין דעם קאָמינטערן. אַזאַ מאַנעוורע איז אויך געווען דער באַשלוס צו באַגריסן די זיגן פונם פינף־יאָר פּלאַן אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד דורך אַ טעלעגראַמע צו דער סאָוועטן־רעגירונג, צו וועלכער דער פּאַרטיי־טאָג איז געוואָרן געצוואונגען פונם דרוק פון די אַרבעטער־מאַסן.

די לייבאָר־פּאַרטיי און איר פּאָליטיק

מיט דער גרינדונג פון דער „אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי“ איז די אויפגאַבע צו שאַפן אַ מאַסן־פּאַרטיי פונם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט, ניט פאַרשוואונדן פון דער טאָג־אָרדנונג. „אַרבעטער“־פאָרשטייער זיינען שוין

---

*) גאָר לעצטנס, נאָכדעם ווי היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט אין דייטשלאַנד און דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט ארויסגעלאָזן א מאַניפעסט פאַר א פאַראייניקטן פראָנט קעגן פאַשיזם, האָט די אומאָפּהענגיקע ארבעטער פּארטיי באַשלאָסן צו ארבעטן צוזאמען מיטן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

**) אזוי האָט מען גערופן דעם פארזוך פון דער א. ס. פּ. ד. צו שאפן אן אינטערנאציאָנאלע פּלאַטפאָרמע צווישן דעם 2טן און 3טן אינטערנאציאָנאל.

אין 1874 אריין אין אונטערשטן פּאַרלאַמענטן־הויז, אָבער די פּאָליטיק, וועלכע זיי האָבן פאַרפאָלגט, האָט זיך זייער ווייניק אונטערשיידט פון דער פּאָליטיק פון די ליבעראַלן. די אַרבעטער־פּאַרטרעטער זיינען נאָכגעגאַנגען אין פּאַרלאַמענט הינטער דער ליבעראַלער פּאַרטיי. אַ פּאַרלאַמענט־קאָמי־טעט אויסגעוויילט פון געווערקשאַפטן־קאָנגרעס איז אריין אין וואַל־אָפּמאַכן מיט די ליבעראַלן און האָט די וואַל־קאַמפּאַניע געפירט אינגאַנצן אין גייסט פון דעם ליבעראַליזם. אָפּט האָבן זיך די איינצלנע אַרבעטער־קאַנדידאַטן, איינער דעם אַנדערן אויפן שאַרפסטן אופן באַקעמפט. כדי ארומצונעמען אַלע אַרבעטער־קאַנדידאַטן און צו העכערן די צאָל מאַנדאַטן, האָט דער קאָנגרעס פון די טרייד־יוניאָנס באַשלאָסן אין 1899 צו רופן אַ באַזונדערע קאָנפערענץ פון אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון די טרייד־יוניאָנס, פון די סאָציאַליסטישע גרופן און פון די גענאָסנשאַפטן. אויף דעם אופן, איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער צוקונפטיקער לייבאָר־פּאַרטיי. מ'דאַרף אָבער פעסטשטעלן, אַז די אָפּאָרטוניסטישע פירער פון די טרייד־יוניאָנס האָבן געשטרעבט צו פאַרהאַלטן די גרינדונג פון דער לייבאָר־פּאַר־טיי, אַזוי אַז די קאָנפערענץ פון די אויבן־דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס איז ערשט צוזאַמענגעקומען זיך אין אָנהייב 1900, און האָט געגרינדעט דעם „קאָמיטעט פאַר אַרבעטער פּאַרטרעטער", וועלכע האָט זיך אין 1906 אָפיציעל אָנגע־שלאָסן אין דער לייבאָר־פּאַרטיי. דעם הויפּט־טייל פון דער נייער פּאַרטיי האָבן געשאַפן די טרייד־יוניאָנס (אָבער ניט אַלע; די באַרג־אַרבעטער צ. ב. האָבן זיך נישט אָנגעשלאָסן אָן דער לייבאָר פּאַרטיי און האָבן געשטימט פאַר די ליבעראַלן). אַ חוץ דעם זיינען צו דער נייער פּאַרטיי צוגעטראָטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע, די אומאָפּהייננגיקע אַרבעטער־פּאַר־טיי, די געזעלשאַפט פון די פאַביאַנער און די גענאָסנשאַפטן. אין 1900 האָט די צאָל פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער נייער פאַראייניקונג באַ־טראָפן 376,000, אין 1903, 969,000; אין 1911 איז די פּאַרטיי געוואָקסן אויף 1,540,000. לעניִן האָט אין 1908 דערפון געדעדט, אַז די גרינדונג פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי באַדייטעט דער ערשטער שריט צו אַ סאָ־ציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. דערדאָזיקער שריט האָט, נאָך לענינס מיינונג געוויזן, אַז די ענגלישע אַרבעטער — „האָבן זיך אָנגעהויבן צו דער־נענטערן אפילו ווען ניט געשיקט און אומקאָנסעקווענט צום סאָציאַליזם".

די נייע פּאַרטיי, וועלכע האָט פאַראייניקט די טרייד־יוניאָנס מיט די סאָציאַליסטישע גרופן, האָט זיך אַרויסגעוויזן איינג פאַרקניפּט מיטן רעפאָר־מיזם פון די געווערקשאַפט פירערשאַפטן. די לייבאָר־פּאַרטיי איז אין דער אמתן געווען די פּאָליטישע פאַרטרעטערשאַפט פון די טרייד־יוניאָנס, וועל־כע האָט אָבער אַזוי ווי פריער צוזאַמענגעאַרבעט אויך מיט די ליבעראַלן. אַזוי זיינען אריין אין 1906 29 פאָרשטייער פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי אין

פארלאמענט און 14 ארבעטער־קאנדידאטן פון דער ליבעראלער פארטיי. אָבער ס'מוז באמערקט ווערן, אז אין 25 פון די זיגרייכע 29 וואל־קרייזן פון דער לייבאָר־פארטיי האָבן אויך די ליבעראלן געשטימט פאר די קאנ־דידאטן פון דער לייבאָר־פארטיי.

די לייבאָר־פארטיי האָט אין דער אמתן ניט געהאט קיין באשטימטע פראָגראם און קיין באשטימטע טאקטיק, און האָט אירע אָרגאניזאציעס אי־בערגעלאָזן פולע פרייהייט אין דער הינזיכט. אויך אייגענע לאָקאלע אָרגא־ניזאציעס האָט די לייבאָר־פארטיי נישט. ביז 1912 איז אפילו ניטאָ קיין טעגלעכע צייטונג פון דער פארטיי. אין אַ לייט־ארטיקל פון דער דעמאָלט אויפגעקומענער צייטונג פון דער לייבאָר־פארטיי, שטייט געשריבן:

„מיר זיינען פאר דער אבסאָלוטער פרייהייט פון געדאנק און האנדלונג, מיר זיינען קעגן יעדן פארטיי־צוואנג."

אויף אזוי ווייט האָט עקזיסטירט דער אונטערשייד פון די סאָציאל־דעמאָקראטישע פארטייען פון קאָנטינענט אין דער פאר־קריג צייט. היינט האָט זיך דאָס אָבער לחלוטין געענדערט. פון דער לייבאָר־פארטיי, וועלכע איז געוואָרן צום סוף אַ „דריטע בירגערלעכע פארטיי", אונטערשיידן זיך נישט מער די סאָציאל־פאשיסטישע פארטייען פון קאָנטינענטאלער אייראָפּע. זייער אייגנארטיק אין פארגלייך צו די סאָציאל־דעמאָקראטישע פארטייען פון קאָנטינענט, איז געווען די אָרגאניזאטאָרישע סטרוקטור פון דער לייבאָר פארטיי. די פארטיי האָט נאָר געהאט קאָלעקטיווע מיטגלידערשאפט. די אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבן זיך געוואָלט אָנשליסן אָן דער לייבאָר־פארטיי, (טרייד־יוניאָנס, גענאָסנשאפטן א. אז. וו.) האָבן דורך אַ מערהייט־באשלוס געשטימט וועגן אָנשלוס. אויף דעם אופן איז אַ סך מאָל געשען, אז גרויסע מינדערהייטן פון די, אין דער לייבאָר־פארטיי־אָנגעשלאָסענע אָרגאניזא־ציעס, זיינען מיט דער פארטיי ניט געווען איינפארשטאנען. די מינדערהייטן האָבן צ. ב. געפאָלגט די ליבעראלן אָדער די קאָנסערוואטיוון, האָבן אָבער טראָצדעם געהערט צו דער ארבעטער־פארטיי און זיינען אפילו געווען גע־צוואונגען, ניט רעכענענדיק זיך מיט זייערע אָנזיכטן, צו אונטערשטיצן מאטעריעל די לייבאָר־פארטיי, ווייל די טרייד־יוניאָנס האָבן געזאמלט פליכט־בייטראָגן פאר פאָליטישע צוועקן.

זייט 1918 האָבן זיך די אָרגאניזאטאָרישע פאָרמען פון דער לייבאָר־פארטיי אביסל געענדערט. די קאָלעקטיווע מיטגלידערשאפט איז געבליבן. אַ חוץ דעם עקזיסטירט אָבער אויך אינדיווידועלע מיטגלידערשאפט פון פער־זאָנען, וועלכע געהערן ניט צו קיין פארבאנד און ניט צו אַ סאָציאליסטי־שער אָרגאניזאציע. דורך דערדאָזיקער נייער ענדערונג זיינען די טויערן פון דער פארטיי געעפנט געוואָרן פאר אַ סך קלאסן — שונאים פונם פראָ־לעטאריאט — העכערע אָפיצירן, גלחים, א. אז. וו. ס'זיינען אנטשטאנען לאָ־

קאַלע גרופּן פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָבן אַריינגענומען אַלע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי אין די דאָזיקע פּלעצער.

וואָס ס'שייך דער אידעאָלאָגיע פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, איז זי געווען פּאָרמלאָז, ווייל ס'האָט ניט עקזיסטירט קיין איינהייטלעכע פּראָגראַם, און די פּאַרטיי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מעכאַנישע צוזאַמענפּאַסונג פון פאַרשיידענע גרופּן.

ווי פרעמד די פּראָגראַם פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי איז צום מאַרק־סיזם, קען מען אורטיילן פון דעם ביישפּיל פון מעקדאָנאַלדן, דער לאַנג־יאָריקער פירער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי און דעם הויפּט פון דער היינטי־קער לייבאָר רעגירונג פון ענגלאַנד. מיר גיבן איבער עטלעכע אויסצוגן פון מאַקדאָנאַלדס בוך „די סאָציאַליסטישע באַוועגונג.“

מאַרקס האָט גערינט „צו איינגע“ געשיכטלעכע אויפפאַסונגען.

„נאָר דורך אן איבערפלעכלעכער באַטראַכטונג פון געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטן און פון נאַציעס, ווייזט זי אויס צו זיין אַ געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף.“

אין דעמאָקראַטישן רעזשים:

„פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון קלאַסן־באַוואוסטזיין, דער שטאַטס־באַ־וואוסטזיין. דער קאַפּיטאַליסט איז אין דער זעלבער מאָס אַ קרבן פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג, אַזוי ווי דער אַרבעטלאָזער. ער שפּירט אויך אַ געוויסן דרוק, ווי דער אָרימער שפּירט דעם דרוק פון אָרימקייט. די רעזולטאַטן פון דעם דרוק זיינען אפילו אין ביידע פאַלן ניט די זעלבע, זיי זיינען אָבער די פּרוכטן פון דער זעלבער געזעלשאַפטלעכער אָרד־נונג. די טרייבנדיקע קראַפט פון סאָציאַליזם איז נישט נאָר אַ ווירט־שאַפטלעכער, נאָר אויך אן אינטעלעקטועלער.“

מאַרקס מאַכט אַ טעות, ווען ער זאָגט, אַז דער סאָציאַליזם מוז קומען, ווייל דער עלנט און די אָרימקייט פון די מאַסן וואַקסט. לויט מאַקדאָנאַלדן וועט דער סאָציאַליזם נאָר:

„ביים וואַקסנדן וואוילשטאַנד, ביים ליכט פון דער אויפגייענדיקער זון דערשיינען * * * דער סאָציאַליזם באַקומט זיינע מערסטע אָנהייגער, נישט אין די עלנדע קוואַרטאַלן, נאָר דאָרט, וואו ס'איז דאָ אַ געוויסער וואוילשטאַנד * * * די סאָציאַליסטישע אַרמיי ווערט געפורעמט פון די געלערנטע אַרבעטער.“

אַזוי פאַרטרעט מאַקדאָנאַלד דעם אַרבעטער־אַריסטאָקראַטישן כאַראַק־טער פון ענגלישן סאָציאַליזם.

גיט מען נאָך צו די רעליגיעז־זיטלעכע אידייען, וועלכע דאָמינירן אין מאַקדאָנאַלדס וועלט־אַנשויאונג, ווערט קלאָר, ווי פרעמד דידאָזיקע אידעאָלאָגיע פונם פירער פון דער לייבאָר פאַרטיי איז פונם סאָציאַליזם. אַ סאָציאַליזם אָן אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, קלאַסן אָן קלאַסן־קאַמף, אַ ליבעראַליזם, געפאַרבט מיט סאָציאַליזם, אַ סאָציאַליזם געפּאָרט מיט קריסטלעך־זיטלעכע אידייען! הײנט, ווען די לייבאָר־פאַרטיי איז די רעגירונג, ווערט זייער קלאָר, וואָס מען קען דערוואַרטן פון זייער סאָציאַליזם. די לייבאָר־רעגירונג איז בולט ארויסגעטראָטן אַלס אַגענטור פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע, אַלס אַ רעגירונג פון קאַפּיטאַליסטישער ראַציאָנאַליזאַציע, פון אַרבעטלאָזיקייט און פון עלנט פון די אַרבעטער־מאַסן, אַלס אַ רעגירונג פון אונטערדריקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די קאָלאָניעס.

5. די אויבערשטע און אונטערשטע שיכטן פונם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט

די רעזולטאַטן פון דער פּאָליטיק פון פאַרהאַנדלונג

וואָס פאַרא רעזולטאַטן האָט געבראַכט די פּאָליטיק פון קאָמפּראָמיסן, וועלכע די טרייד־יוניאָנס און די אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַרפאָלגט? ס'וואָלט געווען גרונט־פאַלש צו גלויבן, אַז דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס פון ענגלאַנד האָט געהאַט דעם זעלבן אָנטייל און די „גליקברײנגענדיקע" פאָלגן פון „אינדוסטריעלן שלום". די געווינסן פון די טרייד־יוניאָנס דאַרף מען ניט איבערשאַצן.

אַפילו ווען מען באַטראַכט די דורכשניט־לוינען, אין וועלכע ס'ווייזט זיך, נאָכאַמאָל, נישט ריכטיק די אמתע לאַגע פון די אַרבעטער־מאַסן, זעען מיר דאָס פאָלגנדע: אין דער צייט פון 1880 ביז 1900 זיינען דורכשניט־לוינען געשטיגן נאָר 20 פּראָצענט ד. ה. איין פּראָצענט אַ יאָר. נאָך ערגער זעט עס אויס אין אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט.

לאָמיר זיך אויך צוקוקן צו דער אַרבעטס־צייט. ביז צום וועלט־קריג איז אויף קיין שום געביט פון דער ענגלישער אינדוסטריע ניט איינגעפירט געוואָרן דער אַכט־שטונדיקער אַרבעטס־טאָג. די קורצסטע אַרבעטס־וואָך האָט באַטראָפן 52 און־אַ־האַלב שטונדן. אַ סך אינדוסטריעס, צ. ב. די טעקסטיל־אינדוסטריע, די גוס־אייזן אינדוסטריע, האָבן געהאַט אַ 55 שטונדיקע וואָך. נאָך ערגער איז געווען ביי די לאַנד־אַרבעטער. אין 2120 געמיינדעס האָט די אַרבעטס־צייט אין זומער באַטראָפן אין 32.2 פּראָצענט פאַלן איבער 10½ שעה; אין 8.6 פּראָצענט פאַלן איבער 11 שעה און אין 25.2 פּראָצענט פאַלן, 10 שעה אַ טאָג.

בשעת די בורזשואזיע ווערט נתעשר פון דער עקספּלואַטאַציע פונם גוואַלטיקן קאָלאָניאַלן באַזיץ, איז דער עלנט פון די מאַסן געבליבן ווי פריער. צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט האָבן 12 פּראָצענט פון דער ענגלישער באַפעלקערונג פאַרמאָגט מער ווי א העלפט פון דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן איינקונפט, און דער זעלבער צייט זיינען 3 מיליאָן מענטשן אָפיציעל פאַרשריבן געוואָרן אַלס אָרימע לייט.

אַפילו די וועבס מוזן צוגעבן, אַז אין 1893 האָבן נישט ווייניקער פון 25 פּראָצענט פון די דערוואַקסענע אַרבעטער באַקומען ווייניקער פון 20 שילינג, ד. ה. ווייניקער פון עקזיסטענץ־מינימום.

מאַקדאָנאַלד האָט געשריבן אין זיין בוך „סאָציאַליסטישע באַוועגונג“:

„א גוואַלטיקער טייל פון דער ענגלישער באַפעלקערונג פאַרדינט ווייניקער ווי ס'נויטיקט זיך צום לעבן. דערביי דערקלערט זיך די דאָזיקע אָרימקייט מיט דעם, וואָס די פאַרדינסטן זיינען צו קליין און בשום אופן ניט דערפאַר, וואָס מען פאַרשווענדט דאָס געלט * * * איעדע געוויסנהאַפטע סטאַטיסטישע אונטערזוכונג דעקט אויף א שרעקלעכן עלנט און א ביטערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וועלכער ווערט אָנגעפירט אין די שווידערלעכסטע און אומגלויבלעכסטע באַדינגונגען. אין דער אמתן ווערט די גאַנצע לעבנס־ענערגיע פונם גרעסטן טייל פון ענגלישן פאָלק פאַרשווענדעט אויף צו קריגן א שטיקל ברויט מיט פּוטער צו שטילן דעם הונגער און א דאַך איבערן קאָפּ ביינאַכט. און אויך דאָס געלינגט ניט תמיד.“

דערצו קומט נאָך די אַרבעטלאָזיקייט, דידאָזיקע כראָנישע מגפה פון די ענגלישע אַרבעטער־מאַסן. די ענגלישע אינדוסטריע אַרבעט הויפּטזעכלעך פאַר עקספּאָרט און פאַרנוצט אויסערלעכע רוי־שטאָפן און האַלב־פאַרטיקע סחורות. די אַנטוויקלונג פון דער ענגלישער אינדוסטריע הייננגט אָפּ פון די וואַקלענישן אויפן וועלט־מאַרק, און ס'איז דורכאויס נאַטירלעך, אַז יעדער פאַל פון פּרייזן אויף דעם וועלט־מאַרק ברייננגט באַלדיקע אַרבעטלאָזיקייט אין די באַטרעפנדע אינדוסטריע־צווייגן. ס'איז דערפאַר ניט קיין וואונדער, אַז שוין פאַרן קריג זיינען אין ענגלאַנד געווען 2 מיליאָן אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען יעדעס יאָר 4 ביז 6 מאָנאַטן אָן אַרבעט. א חוץ דידאָזיקע „סעזאָניקע“ אַרבעטלאָזע זיינען נאָך אָבער געווען מיליאָנען אַרבעטער, וועלכע זיינען פאַר א לאַנגער צייט אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון דער פּראָדוקציע.

„ווער ס'איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרן קריג די גאַסן פון לאָנדאָן אָדער פון אנדערע גרויסע שטעט — דערציילט דער דייטשער עקאָנאָמיסט הער־

מאן לעווי — דער האָט געקענט איבעראל פארוואונדערט און דערשיטערט אָנשטויסן זיך אויף ארבעטלאָזע — אָפּגעריסענע, אומגליקלעכע און אויסגעמאטערטע באשעפענישן, וועלכע האָבן נישט געמאכט דעם איינדרוק אז זיי זיינען ערשט נישט לאנג געקומען צו אזא פארצווייפלטער לאגע, נאָר פארקערט, יעדער האָט זיך געקלאָגט, אז ס׳איז זיי זייער שווער פון דער עלנטער לאגע זיך צו באפרייען.״

מיר זעען אַלזאָ, אז די פּאָליטיק פון „אינדוסטריעלן פרידן״ איז בשום אופן ניט געווען אַזוי אויסגעצייכנט, ווי די פירער פון די טרייד־יוניאָנס פלעגן עס פאָרשטעלן. דערצו קומט נאָך צו די אויסערגעוויינלעכע צאָל פון אומגליקס־פאַלן ביי דער ארבעט (די טרייד־יוניאָנס האָבן די גאנצע צייט פון זייער עקזיסטענץ קיין איינאיינציקן סטרייק ניט געפירט פאַר אומגליקבאַשיצונג). צום סוף דארף מען נאָך דערמאָנען דעם מיסברויך פון קינדער־אַרבעט.

די אַרבעטער אַריסטאָקראַטיע און די אונטערשטע שיכטן פון אַרבעטער־קלאַס

אויף יעדן געביט פונם ארבעטער־לעבן פון ענגלאַנד, קענען מיר זיך איבערציינגן, אַז די באַהויפּטונג, אַז דער וואוילשטאַנד פון דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס איז געשטיגן, איז אַ ליגן. אויב אימיצער האָט פּראָפיטירט פון דער פּאָליטיק פון „אינדוסטריעלן פרידן״, איז דאָס געווען די אויבערשטע שיכט פון ארבעטער־קלאַס — די ארבעטער אַריסטאָקראַטיע. די לאַגע פון די אונטערשטע שיכטן פונם אַרבעטער־קלאַס, איז געבליבן אַזוי עלנדיק, ווי זי איז געווען, און זי איז געוואָרן נאָך ערגער. אין ערגעץ ניט איז דער אָפּגרונט צווישן די געשולטע און ניט־געשולטע ארבעטער אַזוי גרויס ווי אין ענגלאַנד.

פון דער אַנדערער זייט, שטעלט אָבער לענין פאַר די טענדענץ פון די מאַסן אָפּצוטרייסלען דעם יאָך פון אימפּעריאַליזם און אָפּצוואַרפן די בורזשואַזיע, דאָס זעלבע האָפּט אויך פרידריך ענגעלס:

די טרייד־יוניאָנס זיינען ניט געווען קיין אָרגאַניזאַציעס פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, נאָר אָרגאַניזאַציעס פונם אויבערשטן שיכט פונם אַרבעטער־קלאַס.

די איבעריקע ארבעטער־מאַסע, די פּראָלעטאַרישע הינטערשטע שיכטן האָבן זיך געהאַלטן ביים אָפּאָרטוניזם פון דער אויבערשטער שיכט. די וועבס שרייבן:

„אין די טרייד־יוניאָנס, וואָס האָבן נאָר אויפגענומען ארבעטער מיט א גרויסן דורכשניט־לוין, האָבן די ניט געשולטע בוי־ארבעטער,

די אַרבעטער פון די גאַז אַנשטאַלטן און די דאָק אַרבעטער, געזען אַריס־טאָקראַטישע קערפּערשאַפטן, וועלכע זיינען זיי אַזוי וויניק אָנגעגאַנגען ווי דאָס לאָרדן־הויז."

די אָפיציעלע היסטאָריקער פון די טרייד־יוניאָנס באַקלאָגן זיך אויף דער „דורכאויסיקער קעגנערשאַפט" פון די דאָזיקע הינטערשטע שיכטן, די צאָלרייכע קאַטעגאָריעס אַרבעטער וואָס שטייען ניט אין די טרייד־יוניאָנס (די וועבס רופן זיי „פּרימיטיוו", „אומטאָלעראַנט", „אוטאָפּיסטן").

לענין האָט איינמאָל געזאָגט, אַז ענגלאַנד, פריער ווי אַלע אַנדערע לענדער, האָט באַוויזן דאָס שטרעבן פון אימפּעריאַליזם:

„צו שפּאַלטן די אַרבעטער און צו שטאַרקן דעם אָפּאָרטוניזם אין זייערע רייען און צו ברענגען צו אַ פאַראיבערגייענדיקער צעברעקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג."

„אַזוי לאַנג ווי ס'האָט געדויערט דער אינדוסטריע מאָנאָפּאָל אין ענגלאַנד, האָט דער אַרבעטער־קלאַס געהאַט זיין חלק ביז צו אַ געוויסער מאָס אין די פּראָפיטן פון דעם מאָנאָפּאָל. דידאָזיקע פּראָפיטן זיינען זייער ניט גלייך צווישן זיי פאַרטיילט געוואָרן. די פּריווילעגירטע מינדערהייט האָט אוועקגענומען דעם גרעסטען חלק, אָבער די גרויסע מאסע האָט כאָטש פון צייט־צו־צייט געהאַט עפּעס אַ חלק אין דעם. און דאָס איז די אורזאַך וואָס זינט דעם אָפּשטאַרבן פון אָוועניזם איז אין ענגלאַנד ניט געווען קיין סאָציאַליזם. מיטן צוזאַמענברוך פון מאָנאָפּאָל וועט דער ענגלישער אַרבעטער־קלאַס פאַרלירן די פּריווילעגירטע שטעלונג. אין אַלגעמיין וועט ער אין איין טאָג, די פּריווילעגירטע און אָנפירנדיקע מינדערהייט ניט אויסגעשלאָסן, זיך זען אין דעם זעלבן מצב ווי די אַרבעטער פון אויסלאַנד. און דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס ס'וועט ווידער צוריקקומען דער סאָציאַליזם אין ענגלאַנד." (פון דעם אַריינפיר צו ענגעלס „די לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס אין ענגלאַנד, זייט 23, געשריבן אין 1872.)

די פאַרערגערונג פון דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע פון די אַרבעטער־מאַסן אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט אין צוזאַמענהאַנג מיטן ווירטשאַפטלעכן אונטערגאַנג פון ענגלאַנד, האָט געפירט צו אַ פאַרשטאַרקטער רעוואָלוציאָניזירונג פון די אַרבעטער־מאַסן. אין דער צייט, אַנטשטייט אין אַרבעטער־קלאַס אַ באַוועגונג פאַר אַ נייעם טרייד־יוניאָניזם, וועלכער איז נעגאַנגען אַ סך ווייטער ווי דער נייער טרייד־יוניאָניזם פון די אַכציקער יאָרן. פאַר די געווערקשאַפט־אָנגעשטעלטע איז געווען אַלץ שווערער אָנצוהאַלטן דעם „אינדוסטריעלן פרידן". די באַרג־אַרבעטער האָבן פאַרלאַנגט דאָס באַשטימען פון מינימאַל־לוינען, די אייזנבאַנער האָבן געפאָדערט

אין 1906 אַן אַלגעמיינע לוין־העכערונג און האָבן צוגעגרייט אַ גענעראַל־סטרייק. די אַרבעטער פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע האָבן אויפגעלייזט אין 1908 זייער אָפּמאַך מיט די אונטערנעמער און האָבן אָנגעהויבן אַ סטרייק וואָס האָט געדויערט 7 וואָכן.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויפשוואונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, זיינען אַנטשטאַנען סינדיקאַליסטישע שטימונגען און אַ סך סינדיקאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. די סינדיקאַליסטן (ווי צ.ב. טאָם מאַן) האָבן זייער שאַרף באַקעמפט די פּאָליטיק פון „סאָציאַלן פרידן"; זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע אַרביטראַציע־קאָמיטעטן און פון אַלע אָפּמאַכן מיט די אונטערנעמער. זיי האָבן נישט געגלויבט אין סאָציאַלע רעפאָרמען און אין פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט. אָבער אין דער אמתן האָבן די ענגלישע סינדיקאַליסטן ניט אינגאַנצן פאַרוואָרפן די פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיקייט, זיי האָבן זי נאָר געוואָלט אונטערוואַרפן דעם עקאָנאָמישן קאַמף.

„מעגן די פּאָליטיקער טאָן וואָס זיי קענען — האָט טאָם מאַן געשריבן אין 1910 — ווען ס'וועט זיין אַ ווירטשאַפטלעכע מאַכט אין לאַנד, וועלכע וועט זיין באַרייט זיי צו אונטערשטיצן, דעמאָלט וועט מען אַ סך זאַכן דערגרייכן, אויף וועלכע מען האָט אפילו ניט געהאָפט."

דער אויפשוואונג פון דער ענגלישער אַרבעטער־באַוועגונג פאַרן וועלט־קריג

פאַרן וועלט־קריג הויבן זיך הויך די כוואַליעס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד. די צייט פון 1911־1913 איז אַ פּעריאָדע פון גוואַלטיקע סטרייקס. אין יאָר 1913 קומען פאָר 1459 קאָנפליקטן, דורך וועלכע ס'גייען פאַרלוירן 9.8 מיליאָן אַרבעטס־טעג. אין 1912 איז די צאָל פון די קאָנפליקטן 834, דער פאַרלוסט פון אַרבעטס־טעג 40.9 מיליאָן. אין 1912 האָבן געסטרייקט מער ווי אַ מיליאָן באַרג־אַרבעטער.

לענין האָט מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט דעמדאָזיקן קאַמף. ער האָט געשריבן:

„די אָרגאַניזאַציע פון די באַרג־אַרבעטער איז געווען מוסטערהאַפט. ס'איז ניט געווען קיין איין סטרייק־ברעכער. ס'האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד אָנצוהאַלטן די אַרבעט דורך סאָלדאַטן און אומדערפאַרענע אַרבעטער. נאָך זעקס וואָכן קאַמף האָט די בירגערלעכע רעגירונג פון ענגלאַנד איינגעזען, אַז דאָס גאַנצע אינדוסטריעלע לעבן פון לאַנד האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַז די ווערטער פון אַרבעטער־ליד ווערן פאַרווירקלעכט: 'אַלע רעדער שטייען שטיל ווען דיין שטאַרקער אָרעם וויל'. די רעגירונג האָט זיך געלאָזט אויף קאָמפּראָמיסן. דער מיניסטער־פּרעזידענט פון דער מעכטיקסטער וועלט־רעגירונג, וואָס ס'האָט אַמאָל עק־

> זיסטירט, איז ארויסגעטראָטן פאר די דעלעגאטן פון די סטרייקנדיקע באַרג־ארבעטער און האָט זיך ביי זיי געבעטן אָנצונעמען דעם קאָמפּראָמיס. נאָכן סטרייק פון די באַרג־ארבעטער איז דער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט שוין ניט דער פריערדיקער. די ארבעטער האָבן זיך אויסגעלערנט צו קעמפן. זיי האָבן דערזען דעם וועג וואָס וועט זיי פירן צום זיג. זיי האָבן דערקענט זייער קראפט. זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין די געדולדיקע שעפעלעך ווי זיי האָבן אויסגעזען צו זיין א לאנגע צייט אין די אויגן פון די פארטיידיקער פון לוין־שקלאפעריי.“

אין אַ יאָר אַרום קומט דער גענעראַל־סטרייק פון אייזנבאַנער אין דובלין, וועלכער פירט צו גרויסע צוזאַמענשטויסן (איבער 400 פאַרוואונדעטע און 2 טויטע). ביים געווערקשאַפט קאָנגרעס פון 1913 קלינגען צום ערשטן מאָל נייע טענער. ס'ווערט פאָרגעשלאָגן איבערצופירן דעם קאָנגרעס קיין דובלין און צו אָרגאַניזירן אַ גענעראַל־סטרייק. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָנגעהויבן צו ברעכן די ראַמען פון פרידלעכן טרייד־יוניאָניזם.

דאָס שטרעבן פון די אַרבעטער־מאַסן אויפצובויען אַן אמתע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן. אין 1913 איז געגרינדעט געוואָרן פון די אַמאָליקע מיטגלידער פון לינקן פליגל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע, די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פון ענגלאַנד (סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטיי), די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן פּאַרטיי פונם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט פאַר דער גרינדונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דאָס יאָר 1911 שטייט שוין גרייט פאַר אַ באַוועגונג פון אַ פּאַראייניקטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ס'איז געגרינדעט געוואָרן די בריטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (בריטיש סאָשעליסט פּאַרטי), צו וועלכער ס'איז צוגעשטאַנען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי (די אַלטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע), עטלעכע מיטגלידער פון דער אומאָפּהייניקער אַרבעטער פּאַרטיי און אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען. צו דער פּאַרטיי האָט אויך געהערט האַרי קוועלטש — אַ קאָנסעקווענטער רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיסט.

בשעת דעם וועלט־קריג איז אַנטשטאַנען אין דער בריטישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַ לינקער פליגל מיט ט. ראָטשטיין און אַסקין אין דער שפּיץ. אין 1916 האָט זיך די מערהייט פון דער בריטישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דערקלערט קעגן דעם סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין צימערוואַלדער מאַניפעסט, און האָט אין 1920 געגרינדעט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון גרויס־בריטאַניע.

אין יאָר 1914 האָבן די אייזנבאַנער, די באַרג־אַרבעטער און די טראַנספּאָרט־אַרבעטער געשאַפן „אַ דריי־בונד" פאַר געמיינזאַמער אַקציע פון די־דאָזיקע דריי וויכטיקסטע ארבעטער־קאַטעגאָריעס פון ענגלאַנד.

טאָמאַס, איינער פון די פּראָמינענטסטע פירער פון ענגלישן אָפּאָרטוניזם, האָט געמוזט צוגעבן:

„אין יולי 1914 איז די רעוואָלוציע אין דער אינדוסטריע אזוי נאָענט געקומען ווי נאָך קיינמאָל אין דער געשיכטע פון אונזער לאנד. אזוינע מעכטיקע אָרגאניזאציעס, ווי די פארבאנדן פון די בארג־ארבעטער פון די אייזנבאנער און טראנספּאָרט־ארבעטער, האָבן באשלאָסן אין ווינטער פון 1914 אלע קרעפטן אָנצושפּאנען צו ענדערן גרינטלעך דאָס ווירטשאפטלעכע לעבן פון לאנד. דידאָזיקע טאטזאך — אין פארבינדונג מיט דעם דעמאָנסטראטיוון ארויסווייזן פון לוקסוס פון די רייכע לייט, און די עלנטע שכירות פון די ארבעטער — האָט אזוי שטארק פארשארפט דעם קלאסן־האס — אז ס'האָט פאטאל געדראָט די העכסטע אינטערעסן פון לאנד."

דער וועלט־קריג האָט אָפּגעבראָכן דעם פּראָצעס פון ראַדיקאַליזאַציע פון דער ענגלישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ נייער אויפשוואונג איז ערשט ווידער געקומען נאָכן וועלט־קריג. דער מעכטיקער גענעראַל־סטרייק און דער סטרייק פון די באַרג־אַרבעטער אין 1926, זיינען די וויכטיקסטע סמנים פון דעם נייעם עטאַפּ פון דער רעוואָלוציענעריזירונג פונם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט.

צוגאָב

לענין וועגן סכסוכים מיטן אָפּאָרטוניזם אין דער אומאָפּהייִנגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי

(פון ביז איצט נאָך ניט איבערגעזעצטן אַרטיקל פון אַפּריל 1913)

אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ באַריכט וועגן פּאַרטיי קאָנגרעס פון מאַי 1912, שרייבט לענין דאָס פאָלגנדיקע:

„אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט זיינען אין דעם באַריכט די דיסקוסיעס איבער דער פראַגע פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער טאַקטיק; אין דער אמתן זיינען דאָס געווען דיסקוסיעס וועגן אַ סך טיפערע פראַגן, וועגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער און וועגן דער ליבעראַלער אַרבעטער־פּאָליטיק, ווען אַפילו די רעדנער האָבן דידאָזיקע אויסדרוקן נישט באַנוצט.

„די דיסקוסיע אויפן קאָנגרעס האָט געעפנט אַ מיטגליד פון פּאַרלאַמענט, דזשאָוועט. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ רעזאָלוציע קעגן דער אונטערשטיצונג פון די ליבעראַלן, איבער וועלכער מיר וועלן באַלד עפּעס געוויערס זאָגן. און זיין אידייען־גענאָסע קאַנוויי, וועלכער האָט אונטערשטיצט די רעזאָלוציע, האָט דירעקט דערקלערט: דער איינפאַכער אַרבעטער שטעלט תמיד די פראַגע — האָט דען די אַרבעטער־פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט איר זעלבסטשטענדיקע ליניע? ביי די אַרבעטער פאַרשטאַרקט זיך דער פאַרדאַכט, אַז די אַרבעטער פּאַרטיי איז „געפאַנגען" געוואָרן פון די ליבעראַלן. אין לאַנד פאַרשפּרייט זיך אַלץ מער די מיינונג, אַז די אַרבעטער־פּאַרטיי איז נאָר אַ פליגל פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי. מען דאַרף באַמערקן, אַז די אַרבעטער־פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט באַשטייט נישט נאָר פון פאַרטרעטער, וועלכע געהערן צו דער אומאָפּהייִנגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, נאָר אויך פון פאַרטרעטער, וועלכע זיינען אַריינגעפירט געוואָרן פון געווערקשאַפט־פאַרבאַנדן. דידאָזיקע פאַרטרעטער רופן זיך אַרבעטער־פאַרטרעטער און מיטגלידער פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי, ניט אַריינטרעטנדיק אַפילו אין דער אומאָפּהייִנגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי. די ענגלישע אָפּאָרטוניסטן האָבן שוין פאַרווירקלעכט דאָס צו וואָס די אָפּאָרטוניסטן פון אַנדערע לענדער האָבן אַ נייגונג, נעמלעך: די פאַראייניקונג פון דעם סאָציאַליסטישן־אָפּאָרטוניסטישן פאַרטרעטער מיט דעם פאַרטרעטער פון דער כלומרשטער פּאַרטייאָזער געווערקשאַפט. די פיל־געלויבטע ברייטע אַרבעטער־פּאַרטיי פון וועלכער ס'האָבן גערעדט ביי אונז אין די יאָרן 1906 און 1907 אַ פּאָר מענשעוויקעס, איז אין ענגלאַנד און נאָר אין ענגלאַנד פאַרווירקלעכט.

„כדי צוגעבן צו זיינע מיינונגען אַ פּראַקטישן אויסדרוק, האָט דזשאָוועט אַריינגעבראַכט אַ רעזאָלוציע. זי איז באַשאַפן העכסט ענגליש. גאָר־נישט קיין אַלגעמיינע פּרינציפּן (ווייל די ענגלענדער באַרימען זיך מיט

זייער פּראַקטישן שׂכל און זייער פּאַראַכטונג פון אַלגעמיינע פּרינציפּן — אַן אויסדרוק פון דער קליינלדיקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג). די רע־זאָלוציע פאָדערט די אַרבעטער גרופּע אין אונטערשטן הויז צו איגנאָרירן אַלע דראָאונגען און דאָס ליבעראַלע מיניסטעריום קאָן בלייבן אין דער מינדערהייט, און צו שטימען אנטשיידן ביי אַלע פראַגן אַזוי, ווי סיפאָדערט דאָס וועזן פון דער זאַך גופא.

„דזשאָוועט האָט מיט זיין רעזאָלוציע געכאַפּט דעם אָקס ביי די הער־נער. דאָס ליבעראַלע מיניסטעריום באַמיט זיך מיט אַלע קרעפטן איינ־צורעדן די אַרבעטער, אַז ס'איז נויטיק צו פאַראייניקן די קרעפטן קעגן דער רעאַקציע (ד. ה. קעגן דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי) ; מען מוז דערהאַלטן די ליבעראַלע מערהייט, וועלכע קען פאַרשווינדן, ווען די אַרבעטער שטי־מען ניט מיט די ליבעראַלן. און דאָ שטעלט דזשאָוועט קלאָר די פראַגע : שטימט ווי איר דיינקט, זאָרגט אייך ניט וועגן די דראָאונגען וועגן שטורץ פון ליבעראַלן מיניסטעריום. שטימט ניט אַזוי ווי ס'פאַרלאַנגט דער אינ־טערעס פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי, נאָר ווי ס'פאָדערט די זאַך אַליין, ד. ה. מאַרקסיסטיש גערעדט — פירט אַ זעלבסטשטענדיקע פּראָלעטאַרישע קלאַסן־פּאָליטיק אָבער נישט אַ ליבעראַלע אַרבעטער־פּאָליטיק.

„אין די רייען פון דער אומאָפּהייניקער אַרבעטער־פּאַרטיי, ווערט דער מאַרקסיזם פּרינציפּיעל צוריקגעוויזן, און דערפאַר ווערט דאָרטן אַ מאַרק־סיסטישע שפּראַך ניט באַנוצט.

„אויף דזשאָוועטן זיינען באַלד ארויפגעפאַלן די הערשנדיקע אָפּאָר־טוניסטן אין דער פּאַרטיי. און כאַראַקטעריסטיש גענוג ! — זיי האָבן אים אָנגעגריפן אינגאַנצן ווי אָפּאָרטוניסטן קענען, פון אונטער אַ וואַנט, מיט ליגנס, מיט פאַרדרייאונגען. אָפּן זאָגן, אַז זיי זיינען פאַר דער אונטערשטיצונג פון די ליבעראַלן האָבן זיי ניט געוואָלט. זיי האָבן אַלזאָ אויסגעדריקט זייער מיינונג מיט אַלגעמיינע פראַזן, מיט וואוילגעמיינטע אָנווייזונגען אויף דער זעלבסטשטענדיקייט פון אַרבעטער־קלאַס. פּונקט אַזוי ווי אונזערער 'ליק־ווידאַטאָרן', וועלכע שרייען תמיד אויפן קול וועגן זעלבסטשטענדיקייט פון אַרבעטער־קלאַס, באַזונדערס שרייען זיי הויך אין דעם מאָמענט, ווען זיי זיינען אַליין גרייט דידאַזיקע זעלבסטשטענדיקייט אין דער פּראַקטיק אויפצו־געבן פאַר אַ ליבעראַלער אַרבעטער־פּאָליטיק.

„דער פאַרטרעטער פון דער אָפּאָרטוניסטישער מערהייט, מערעיע, האָט אריינגעבראַכט די פאָלגנדע קעגן־רעזאָלוציע :

'די קאָנפערענץ איז מיט דער מיינונג, אַז די אַרבעטער־פּאַרטיי, כדי בעסער צו דערגרייכן אירע צילן און אַלע מעגלעכע רעזולטאַטן פון איר טאַקטיק, די מיטלבאַרע און אוממיטלבאַרע, מוז זי זיך רעכענען און אויף אַ מינוט ניט פאַרגעסן, אַז אירע באַשלוסן דאַרפן באַצוועקן אויסשליס־

לעך אירע אייגענע אינטערעסן אלס פארטיי, און צו פאדערן די געלענג־
הייטן, וועלכע זיינען גינסטיק פאר דעם דערגרייכן פון דידאזיקע צילן׳.

„לאמיר פארגלייכןביידע רעזאלוציעס. ביי דזשאוועטן די קלארע פא־
דערונג אפצוברעכן מיט דער פאליטיק פון שטיצן די ליבעראלן. ביי מערעיע
גארנישט־זאגנדיקע אלגעמיינע זאצן, וועלכע קלינגען גוט און זעען אויס,
אז מען קען קעגן זיי גארניט האבן, אבער אין דער אמתן באהאלטן זיי
די פאליטיק פון אונטערשטיצן די ליבעראלן. וואלט מערעריע באקאנט גע־
ווען מיט מארקסן און וואלט ער ארויסגעטרעטן פאר מענטשן, וועלכע שעצן
דעם מארקסיזם, וואלט עס אים גארניט געגאנגען אין דעם צו פארשטעלן זיין
אפארטוניזם מיט מארקסיסטישן אופן פון ריידן און ער וואלט געזאגט, אז
גראדע דער מארקסיזם פאדערט די אפשאצונג פון אלע קאנקרעטע אומ־
שטענדן אין יעדן פאל, אז מיר ווילן זיך ניט בינדן די הענט, אז מיר מוזן
אנהאלטנדיק אונזער זעלבסטשטענדיקייט אויסנוצן די קאנפליקטן, אז מיר
מוזן טרעפן אין דער ׳אכילוסעס פיאטע׳ פון די קעגנזאצן פון דעם עק־
זיסטירנדיקן רעזשים און אז. וו.

„דער אפארטוניזם קען אין די ווערטער פון אלערליי טעאריעס, און
אויך פון דער מארקסיסטישער, קומען צום אויסדרוק.

„ביי דער אפשטימונג זיינען אפגעגעבן געווארן פאר דער רעזאלוציע
73 שטימען, קעגן איר 195 שטימען.

„די אפארטוניסטן האבן געזיגט. דאס איז נישט קיין וואונדער ביי
אזא אפארטוניסטישער פארטיי, ווי די ענגלישע אומאפהייניקע ארבעטער־
פארטיי. ס׳איז אבער איצט א פעסטגעשטעלטער אמת, אז דערדאזיקער
אפארטוניזם רופט ארויס אן אפאזיציע אין די רייען פון דער פארטיי.

„די קעגנער פון אפארטוניזם האבן א סך בעסער זיך געפירט ווי זיי־
ערע אידייען־גענאסן אין דייטשלאנד פלעגן עס טאן, וועלכע האבן פארטיי־
דיקט זייערע קאמפראמיסן מיט די אפארטוניסטן. דאס אפענע ארויס־
טרעטן מיט אן אייגענער רעזאלוציע האט ארויסגערופן זייער וויכטיקע פרינ־
ציפיעלע דעבאטן, און דידאזיקע דעבאטן וועלן האבן א טיפע ווירקונג אויף
דעם ענגלישן ארבעטער־קלאס. די ליבעראלע ארבעטער־פאליטיק האלט
זיך דורך דער טראדיציע פון דער רוטין און די געשיקטקייט פון די אפאר־
טוניסטישע פירער, אבער איר באנקראט ביי דער מאסע פון פראלעטאריאט
איז אומפארמיידלעך". (לענין, געזאמלטע ווערק, באנד 16).

רעקאָמענדירטע ביכער פאר דעם קורס:

1) דער אימפעריאליזם אלס די העכסטע שטופע פון קאפיטאליזם — לענין.

2) דער אימפעריאליזם און די שפאלטונג פון דער סאָציאליסטישער פאר־טיי — לענין.

3) דאָס פינאנץ־קאפיטאל — הילפערדינג.

4) ביטראג צו דער געשיכטע פון דער ארבעטער־באוועגונג אין ענגלאנד — ראָטשטיין.

5) די געשיכטע פון בריטישן טרייד יוניאָניזם — סידני וועב.

6) די געשיכטע פון סאָציאליזם אין ענגלאנד — מאקס בער.

RADIO PRESS
655 SIXTH AVENUE
New York
369